STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04166

UNTER'N VAND

A. Reuveni

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ראובני

אונטער'ן וואַנד

(ערצעהלונג)

פערלאַג „דאָס לאַנד"

א.

אין שטוב איז שוין געווען גאר פינסטער. אין דרויסען איז אויך די נאכט געווארען תמיד שטארקער. ס'איז געווען די רעכטע צייט ארויסגעהן.

וועלוועלע־שאַקאַל האט זיך לאנגזאם אנגעטהון. מיט די שיך און זאקען איז ער ענדליך פארטיג געווארען. דאס איז איהם אנגעקומען ניט אזוי גרינג, ווי מ'קאן מיינען. איין שוך האט ער געמוזט זוכען אפשר א פערטעל שעה, און קוים איהם אפגעפונען אין דרויסען, הינטער'ן שטוב. אוודאי, איז דאס קינ'ס ארבייט, א פייער אויף איהם! גוט, וואס ער האט געענדיגט מיט דעם, בעת ס'איז נאך געווען א ביסעל ליכטיג. דאס איבעריגע האט ער געמוזט אליץ טהון אין דער פינסטער. אויפ'ן פענסטער איז גראד געשטאנען א בלעכערנעם לעמפעל, אבער ס'האט געפעהלט נאפט, און דערצו איז דאס גלעזעל געווען צובראכען. וועלוועלע האט איינגעשטייפט דעם גארטעל מיט די פאטראנעס, א פיהר געגעבען מיט'ן האנד איבער זייערע מעשענע קעפלאך, כדי וויסען צי זיי זיינען אלע אויפ'ן ארט, און אנגעטהון אויפ'ן האלז דאס שנירעל פון זיין „נאגאַן". ער האט ארויסגענומען דעם רעוואלווער פונ'ם לעדערנעם שיידעל, געגעבען אנ'עפען אויף, ארויסגעשאטען און צוריק אריינגעלעגט די קוילען; זיי האבען זיך לייכט און פריי געגליטשט אין די פייכטע פון בוימאויל לעכעלאך פונ'ם „באראבאן". ער האט אנגעטהון דאס רעקעל, אנגעטאפט אין קעשענע דאס פייפעל. דער מעסער איז שוין געווען אנגעהאנגען ביים גארטעל. שוין אליץ. זאל ער סיידען נעהמען די ביקס אויך? די ביקס איז א גוטע, א ריכטיגע, א

טרעפענדיגע, אבער פון אנ'אלטער סיסטעם, און שווער צום טראגען. זי האט איהם שוין געגוג אנגעבראכען די פלייצעס פאר די פאר יאהר, וואס ער טראגט זי. ניין, „דער־ווייל" איז ניט אזוי נויטיג, ס'וועט ווערען מעהר אונרוהיג—וועט ער זי געהמען. דאס לעצטע יאהר פיהלט ער זיך ווי אפגעשוואכט, די וואך קאסט געזונד... און דער־נאך—די קדחת. אנ'איבעריגע משא לאזט זיך טאקי פיהלען.

די טיר האט זיך פונאנדערגעעפענט.

—ווער איז דא פארהאן? שאקאליק—דו?—האט מיט א געדיכטען, הודיענדיגען קול געגעבען א פרעג דער געקומענער.

—איהו... — האט קורץ א בורטשע געטהון וועלוועלע.

ער האט געזוכט דאס היטעל. וואס איז אלעמאל געלעגען ביי איהם אויף דער ראגאזשע אדער ביי שיק'ען אויפ'ן בעטעל, און אצונד איז עס, ווי אויף צו להכעיס, ניט געוואר־ען. וועלוועלע איז געווען בייז. און בטבע איז ער טאקי געווען ניט קיין רעד־דעווודיגער.

—הער, שאקאליק, איך קאן ניט געהן אהן זאקען צו דער וואך... די פאסקודינע שיך רייבען מיר מיינע עדעלע פיס. גיב מיר א פאר זאקען!

—וואס? איך דיר—זאקען?

—פערשטעהסט זיך, דו—מיר, און ניט פערקעהרט... פערקעהרט האט נאר די באבע געקלערט, אבער דער זיידע האט פערוועהרט... אזוי איז שוין פון גאט בעשערט... בענומען? כא־כא־כא...

—טראג זיך אָפּ!... איך האב ניט מעהר, ווי די פאר, וואס אויף מיר.

—פיין! האסטו דאך צוויי און איך קיין איינע ניט... היינט וואו איז די גערעכטיגקייט?

— געה, קלאג מיך צו דער רעביצין... געה... הערסט? דאס האסטו מיין שוך אין דרויסען פערוואָרפען? אז מ'זאגט — "קַין" איז "קין"... לעדיגע הענד דיינע! איבער דיר דאַרף איך פערשפעטיגען אויפ'ן פאסטען.

קין איז געשטאנען אויף די קני אין א ווינקעל און געפּאַרקעט זיך אין דער קיפּע וועש, מלבושים און סתם שמאטעס, וואס דארטען איז געוועזן אנגעוואָרפען. ער האט זיך אויסגעגלייכט און צולאכט מיט זיין נידעריגען, זיך וויגענדען ברוסט־געלעכטער.

— כאַ־כאַ־כאַ... וואַ־אַר־אי!... וואַ־אַר־אי!..— האט ער לאנגזאם און יאמערדיג א וואויע געגעבען, גלייך ווי עס וואויעט א שאקאל,— הא, שאקאליקעל, ס'איז געוועזן דיין שוך? וואַללה, איך האב אזוי געקלערט! איך האב דיר גערעכענט זאגען — גאר פערגעסען. וואו האסטו איהם געפונען — ניט אונטער'ן פענסטער? דאס זיינען די פאסקודנע הינער שולדיג — לאזען ניט שלאפען, ברענען זאלען זיי אויף הייסע קוילען!... איך האב, דאכט זיך, א שויב אויך אויסגעזעצט ווארפענדיג אין זיי דעם שוך... כא־כא־כא.

— ביסט שוין איין מאל א בריה.

— זעה, שאקאליק, איך האב עפּעס געפינען א טראנטע... רייב אן א שוועבעלע!

דאס פלעמעל פונ'ם שוועבעלע האט בעלויכטען א ברייטען פיערקאנטיגען צימער, מיט פעררויכערטע און פערשטויבטע ווענד. אין די ווינקעלאך בעהאנגענע מיט שטיקער גרויע, דיקע שפינוועב. ביי איין וואנד איז געשטאנען אנ'אייזערנעם בעטעל, ביי דער אנדערער איז געווען אויסגעשפּרייט א ראגאזשע. אויף דער פּאדלאגע, אין פערשיעדענע עקען פונ'ם צימער, זיינען געלעגען פערשיעדענע טיילען פונ'ם "מענער־טואלעט" — א פּאר הויזען,

א רעקעל, א רימען, און אויך א האנדטוך, וואס מ'האט איהם פונ'ם ערשטען בליק געקאנט אננעהמען פאר א טיך אויף צו וואשען די בריקען. דאס איז געווען דאס וועכטער־שטיבעל. דא זיינען איינגעשטאנען פיער וועכטער. פון זיי האבען נאר צוויי — וועלוועלע־שאקאל און דער בוקאווינער אלטער שיק—געהאט שטענדיגע געלעגערס. די אנדערע צוויי — קין און א רומענישער בחור, תדרוס, אדער, „טאדרעסקא", ווי חברה האט איבערגעמאכט זיין נאמען,— פלעגען ניט איבערלאזען קיין בעשטימטע סימנים פון זייער־ע שלאף־ערטער. זיי פלעגען רוהען, אונטערשפרייטענדיג זייערע אראבישע כאלאטען, די „אבייעס", און צו דער וואך פלעגען זיי אוועקגעהן מיט'ן „בעטגעוואנט" אויף די פלייצעס — איינגעהילט אין זייערע אבייעס.

ביים ליכט פונ'ם שוועבעלע האבען זיך אויף א רגע בעוויזען די פיגורען פון די צוויי וועכטער. וועלוועלע, מיט'ן הויכען שאפענעם היטעל אויפ'ן קאפ און מיט'ן „נאבוט" אין דער האנד — א פעסטער שלאג־שטעקען, מיט א דיקער גוליע אויפ'ן אונטערשטען עק, וואס האט אויסגעזעהן ווי אנ'איבערגעקעהרטער און אויס־געדרעהטער פויסט—, איז שוין געשטאנען ביים טיר, גרייט אויף ארויסגעהן. עפעס א פוילקייט און ניט־ריהרעוודיגקייט האט זיך געמערקט אין זיינע בעוועגונגען, און דאס האט ווענ̇יג הארמאנירט מיט דער דינקייט און שלאנקייט פון זיין קערפער. און דערפאר, אפשר, האט זיך געפיהלט, אז ו ו ע ן מ ע ן ד א ר ף, אויפ'ן מאמענט, פאלט פון איהם אוועק אט־די גאנצע ניט־בעוועגליכקייט, און ער טהוט, וואס עס פאדערט זיך, פלינק, ענטשלאסען, אהן קווינקלענישען. מעגליך, אז דאן פערשווינדט אויף א ווילע אויך דער אויסדרוק פון דער אפאטישער אונצופרידענקייט, וואס איז אויסגעגאסען אויף זיין פנים, און דער כמורנער אומעט, וואס קוקט פון זיינע געדיכט־גרינע אויגען.

די קליינע, דינע וואנסעלאך, וואס האבען, ווי א פערשאטענטער פאסיק, געשנירעלט זיך איבער זיין אויבערשטער ליפ, האבען אויך גערעדט פון אנ'אומגעריכטען שמייכעל מיט א בלאנק פון ווייסע, פרישע צייך, פון א ציטער פון א יונגער פרעהליכקייט; נאר אצונד זיינען זיי געלעגען שטיל, צוגעדריקט.

דער צווייטער, דער וואס האט געטראגען דאס צונעמעניש „קין", איז געשטאנען אין ווינקעל האלטענדיג אין דער האנד א צוריסענע העמד, וואס איז געווען אויסגעשאטען מיט געלע, פערברוינטע פלעקען — מסתמא צוגעברענט ביים פרעסען. ער איז געווען אין איין וואוקס מיט וועלוולען, אבער פון אנ'אנדער געבוי: א געזונדע, קיילעכדיג־ארויסגעשפארטע ברוסט, דיקע פלייצעס, א ברייטליך, ווייבעריש אדער, גיכער, מאנגאליש פנים, א קיילעכדיגעס, א וויכס, א טונקעלס, און איינעשפארטע, שווער־קוקענדיגע, ברוינע אויגען. קין האט ליב געהאט צו וויצלען זיך, שפאסען, לאכען — און די פייערלאך פון הומאר און איראניע האבען זיך עפעס מאדנע איינגעלעבט אין זיינע ברוינע אויגען נעבען דער שווערקייט, כמעט, גרוויזאמקייט פונ'ם קוק. נאר זעהר זעלטען, ווען ער פלעגט זיך צולאכען גאר צופעליג און פראסט, פלעגט די הארטקייט פערשווינדען אויף א ווייל, ווי פערשפריצט פון די שיינענדיגע פונקען פון געלעכטער.

קין האט אויסגעשטרעקט די צוריסענע העמד צו וועלוולען, וועלכער האט שוין געהאלטען ביים ארויסגעהן:

— האר אוים! ס'איז דיינע?

— ניין... אפשר — שיק'ס?

— נו, שיקעלע וועט מיר מוחל זיין.

— לעג אוועק! הייב זיך נאר אן מיט איהם — ער וועט דיר פערוויינען די יאהרען!

— געה, וואס שטעהסטו דא! איך דארף דיך דא מעהר ניט

האבען! זעהסט?—ער האט געגעבען א ריס די העמד אויף צווייען.—ווייסט, וואס איך האב געטהון?

—וואס טהוסטו? קום אהער, איך וועל דיר א טאפּ טהון דעם שטערן. ניט אנדערש—דו האסט זיך געריהרט אין דער אמת'ן? הער! ביי דיין לעבען, מיר וועלען דיך ארויסוואַרפען פון צימער! וועסט זעהן...

—טפש! ווייסט, וואס איך האב דאס געטהון? פון איין שלעכטער העמד האב איך געמאכט צוויי טייערע אנוטשעס... א מעדאל קומט דאך מיר דערפאר, דו פאסקודנער שאקאל! און פאר שיקעלען זארג זיך ניט. שיקעלע איז א בחור א געשיקטער. ער וועט שיקען א קלאג-בריוועל דער מאמען אין משערנאוויץ, וועט זי איהם ארויסשיקען נאך א האלבע טוץ העמדער... פאל ניט אריין אין קיין יאוש, שאקאליק, ס'וועט נאך קלעקען פאר דיר אויך... הער, שאקאליק!—ער איז געווארען ערנסט און גענומען רעדען שטילער.—ווי געהט דאס ביי איהם אונטער'ן וואנד? נאך אלץ אזוי... שיסט נאך?

—דער טייוועל ווייסט איהם—שיסט! נעכטען ווייטער געשאסען—האסט ניט געהערט? אין צווייטען עק, אויבען... איך רעד איהם אויס, בייזער זיך אויף איהם, און ער שטעהט א בלייכער—„גנבים!"

—האט מורא?

וועלוועלע האט אנגעריבען א שוועבעלע אויף צו פעררויכערען.

—האט מורא.—האט ער געזאגט שטיל.

זיי האבען זיך בעגעגענט מיט די בליקען און שטום, פרעגענדיג, איינער דעם אנדערען אין די אויגען אריינגעקוקט. קיינער האט קיין שמייכעל ניט געגעבען. וועלוועלע האט פעררויכערט זיין פאפּיראס.

—אפשר וועט ער זיך נאך צוגעוועהנען... אפשר...

גו, איך געה!.. אבער דער קאפ טהוט וועה... כ'וויים ניט פון וואס...

—געה— וועסט זיך דורכלופטער'ען...

אין דרויסען איז פוסט און פינסטער. ס'איז וועטשערע־צייט. שפעטער וועט מען נאך ארויסגעהן שפאצירען. די ארבייטער און די קאלאניסטישע קינדער וועלען נאך אפשר געהן אויפ'ן שייער וואלגערען זיך א ביסעל אינ'ם פרישען היי. אצינד זיינען אלע אין די הייזער. וועלוועלע שפאנט איינזאם איבער דער שלעכט־בראקירמער גאס. ווען עס זאל גאר ניט געווען זיין בראקירט וואלט דא געווים ניט געווען ערגער צו געהן. יעדער שטיין איז ווי א זעלבשטענדיגער אינזעל אין א ים פון גריבער. אלע ווילע טרעפט מען מיט א פוס אין א שפאלט צווישען צוויי שטיינער. וועלוועלע איז אייגענטליך שוין לאנג געוועהנט צו די אלע קליינע אונבעקוועמליכקייטען. ער בעמערקט זיי נאר אגב אורחא. ער שלעפט גלייכגילטיג ארוים די פים פון די לעכער. מיט א בעזונדערער געשיקטקייט, וואס נעהמט זיך פון א דויערנדער געוועהנהייט, טאפט ער אן מיט'ן שפיץ־שוך א ברעג פון א שטיין און כאפט זיך תכף ארויף אויף אידם. ביים עק גאס קומט ער צו צו א טויער מיט שיטערע, הילצערנע גראטעס און טאפט אן דעם שלאס. גאניץ. פאר א יאהרען האבען גנבים אויפגעבראכען דעם שלאס און ארויסגעפיהרט א מוילעזעל דורך דער גאס פון דער קאלאניע, גראד ווען דע־ וועכטער איז געווען פון דער אנדערער זייט, אונטער'ן וואנד.

וועלוועלע האט זיך געגומען רעכטס. אצונד הייבט זיך אן די וואנד. ער האט א טאפ געטהון דעם רעוואלווער—צי ער איז אויפ'ן ארט, א פרוב געטהון דעם מעסער— צי ער נעהמט זיך ארוים גרינג פונ'ם שיידעל. די אלע געוועהנליכע פארזיכ־טיגקייטען זיינען ביי איהם שוין לאנג געווען א מנהג, וועלכען

מען פיהרט אוים ניט קלערענדיג. ער האט גאר ניט געגלויבט, אז דוקא היינט זאל זיך איהם מאכען א צופאל אונטער'ן וואנד. נאר—ניין מאל ניין, און איין מאל יא. און מען מוז זיין גרייט יעדעס מאל. אגב, ס'איז טאקי צייט, דער „סעזאן" האט זיך שוין דערנע־הענטערט. פריהער, בעת'ן שניט, האט די קאלאניע־וואך געמעגט זיין ניט אזא שטרענגע. דאן זיינען די גנבות אנדערע—מ'גנבעט די תבואה פון די פעלדער—ס'לוינט זיך בעסער און ס'איז לייכטער אויך. כדי צו צוטרעטען צו דער קאלאניעדארף מען דורכ־געהן די פעלדער, וואו ס'פאהרען ארום דורך דער נאכט די פעלד־וועכטער. אצונד, ווען שניט־צייט האט זיך שוין באלד געענדיגט, און די פעלד־וואך איז אראפגענומען—וועלען די אונגעבעטענע געסט מסתמא ניט לאנג זיך לאזען ווארטען.

גלייך ווי וועלוועלע איז ארוים פון דער קאלאניע־גאס, האט איהם א זעץ געטהון אין פנים א שטארקער ווינד. ס'איז אויסגעקומען, ווי ער וואלט נאר געווארט אויף איהם, אויף זיין ארויסגעהן, כדי ער זאל האבען אויף וועמען צוווארפען זיך. אלץ ארום איז אנטשווינען געווארען, ווי וועלענדיג איבערוואר־טען דעם הודיענדיגען לויף פונ'ם ווינד. אלע פערשידענע קלאנ־גען, אלע שארכען און פיפסען פון דער נאכט זיינען פערשלונ־גען געווארען פון זיינע בייזע, פייפענדיגע, אויסרופען. אפילו די הינד האבען אויפגעהער'ט צו בילען און דערשראקען בעהאלטען זיך אין זייערע הויפען, אין זייערע ווינקעלאך. אצונד איז אונ־מעגליך געוועזען עפעס צו הערען, אויסער זיין נידע־יגען ווייטען וואויען און זיינעווילדע וועה־געשרייען ביים דערנעהענטערען זיך. דער ווינד האט אנגעפילט די פוסטקייט פון דער נאכט. ער איז אראפגעפאלען פונ'ם שווארצען הימעל און ארומגעבלאנדזשעט איבער דער נאך מעהר שווארצע ערד. און די ערד איז שוין געוועזען א ביינאכטיגע — א שטימע, דורכאוים א פינסטערע, אהן

דעם הימעלס גלאנציגע פונקען. נאר אין דער לופטען האט נאך עפעס ארומגעשוועבט א לייכטער־לייכטער, קוים־געזעהענער, קוים־געפיהלטער בלוי־שטאלענער שאטען פון ליכטיגקייט, און ער איז אויך געוויאר־ען מיט יעדען ריגע קלענער, מינדער.

וועלוועלע איז מיט זיינע געוועהנטע טריט געגאנגען פון איין טירעל צום אנדערען. מיט די פיס האט ער געפיהלט זיין שטעגעל, דעם שטעגעל, וואס ער און זיינע חברים האבען דא אויסגעטראטען במשך פון צוויי יאהר וועכטעווען. מיט די פיס האט ער געפיהלט די גריבלאך און קאנאלעכלאך, וואס ער האט געזאלט אריבערשפאנען. דאס שטעגעלע האט זיך געשלענגעלט אין דער לענג פון דער גאנצער וואנד, הארט ביי דער פאדעשווע פון דער וואנד. און אויב עס האט זיך אין איינינגע ערטער עטוואס אפגערוקט, פלעגט עס ביי יעדען טירעל, אונבעדינגט צוריק קומען צו דער וואנד. ביי די טירלעך פלעגט זיך וועלוועלע אפשטעלען אויף א ווייל. דאס זיינען געווען די הינטערשטע טירלאך פון די שטאלען אדער פון די הויפען. וועלוועלע פלעגט ארומטאפען דאס טירעל פון אלע זייטען—צי ס'איז ניטא אין איהם קיין בראך, קיין פערדעכטיגער שפאלט, פרובען עס א שטויס טהון—צי ס'עפענט זיך ניט? ביי דער זייט פונ'ם שטעגעל זיינען געוואקסען „סידרעס", נידעריגע, געדיכטע קוסטעס, דראהענד־שווארצע ביי דער נאכט—די פיינד פון די וועכטער, און די בעסטע פריינד פון די גנבים. דארטען, הינטער די סידרעס קאנען זיי אמאל אפליגען שעה'נווייז, נעכט, און אפילו וואכען, היטענדיג דעם וועכטער און אפוואַרטענדיג א פאסענדיגען מאמענט, אויף צו מאכען די גנבה. און אמאל, אזוי לויערנדיג, קאנען זיי אויך אנפאלען אויפ'ן וועכטער אומגעריכטערהייד, פרובען ביי איהם צונעהמען דאס געוועהר, הרג'ענען איהם... ערטערווייז האבען זיך די סידרעס גאר נאהענט צוגערוקט צום שטעגעל, אזוי

נאהענט, אז דער וועכטער האט פארבייגעהענדיג אלעמאל זיך פערטשעפעט אן זייערע שטעכעדיגע צווייגען.

וועלוועלע איז צוגעקומען צום ראג פון דער וואנד, וואו ער האט זיך גדארפט נעהמען רעכטס. דא איז ער ווידער געווארען פארזיכטיג. ס'האט זיך שוין געטראפען עטליכע מאל, אז די רויבער ווארטען אפ דעם וועכטער הינטער'ן ראג, און געבען זיך אויף איהם א ווארף ארויף ביים פעריקעהרעווען זיך. ער האט זיך לאנגזאם און אנגעשטרענגט ארומגעקיקט. אפשר ערגיץ פון הינטען אדער פון דער זייט א פערדעכטיגע בעוועגונג, א שאטען פון א לעבעדיג בעשעפעניס? ער האט זיך אפגערוקט אויף א דריי־פיער שפאן פון דער וואנד, געגעבען א טראט פארויס און א קוק אריין אויף יענער זייט פונ'ם ראג. רוהיג. לעדיג. אליץ די זעלביגע שווייגענדיגע, טונקעלע וואנד, די זעלביגע טעמפ־שווארצע פעלדער און נידעריגע, שטעכעדיגע, פיינדליכע סידרעס ביי דער זייט פון זיין שטעגעל. ער האט אויך ניט געווארט עס זאל זיין אנדערש. גנבים בעגעגענען זיך זעלטען. נאר אמאל... אמאל מאכט זיך, אז זיי בעגעגענען זיך יא... פון דאנען האט זיך די וואנד געצויגען לאנג—דאס איז געווען די לענג פון דער גאנצער קאלאניע. פון דעם ראג ביז'ן צווייטען האט ביי איהם דער גאנג שטענדיג געדויערט א קארגע האלבע שעה. און צייטענווייז, ווען מען האט זיך גדארפט אפטער אפשטעלען און מעהר צוהערען זיך, פלעגט דאס נעהמען א שעה אויך—דורכגעהן זי. נאר דאס געהן דא איז איהם ניט געווען לאנגווייליג. צווישען איהם מיט דער וואנד—און דוקא מיט אט־דעם הינטערשטען און וויטסטען טייל פון דער וואנד—האט זיך שוין פון לאנג איינגעשטעלט עפעס א בעזונדערע נאהענטקייט. איהם איז געווען געפעלען וואס ער בעגעגענט זיך מיט איהר נאר ביי דער נאכט. ער האט ניט געוואוסט אוועלכע זי

איז און ווי זי זעהט אוים בייטאג—אין ביינאכט איז זי תמיד געוועזן א טונקעלע, א שטומע און א הארטע. ער האט ניט געוואוסט, וואס פאר א קאליר זי האט, ווי זיינען בעפארבט איהרע שטיינער. אין די פינסטערע נעכט זיינען זיי געוועזן שווארצע, גאר שווארצע, און אין די ליכטיגע לבנה־נעכט האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז זיי זיינען רויטע, געדיכט־רויטע, בלוט־רויטע, און ארומגעפיהרט מיט שווארצע קאנטען. געהענדיג פארביי, פלעגט ער אמאל ביי זיך אפמאכען אומישטען צוגעהן בייטאג זעהן, וואס זי שטעלט מיט זיך פאר אין דער אמת'ן. און בייטאג פלעגט ער דאס פערגעסען, אדער פוילען זיך געהן אין דער היץ, אדער אליין שעמען זיך פאר זיין „נארישען געדאנק". און ווען ס'איז איהם אויסגעקומען צופעליג אייניגע מאל פארבייגעהן די וואנד בייטאג, איז איהם גראד דאן ארוים פון זינען זיין אינטערעס צו איהר, ער איז פארבייגעגאנגען און ניט אומגעקוקט זיך אויף איהר. און שפעטער, דערמאנענדיג זיך וועגען דעם, האט ער געשמייכעלט מיט א אונבעוואוסטזיניג־צופרידענעם שמייכעל און געזאגט צו זיך אליין: „מן אַללה׳! ס'איז פון גאט!... ניט אנדערש!... ער האט ליב געהאט צו טראכטען, אז אויך זי ווייסט ניט איהם, דעם בייטאגיגען. זי זעהט קיינמאל ניט איהם, דעם שוואכען, דעם פיבערדיגען, דעם שלאפענדיגען, דעם לעדיגעהער. זי זעהט איהם נאר אין זיין בעסטען אויסזעהן— דעם שטארקען, דעם בעוואפענטען, דעם אונגעוועהנליכען, דעם ביינאכטיגען. יעדע נאכט בעשיצט ער זי מען זאל זי ניט אנריהרען, מען זאל זי ניט דורכברעכען, און זי ווייסט, אז זי קאן זיך פערלאזען אויף איהם. און זי איהם — סיידען וועניג טהוט זי פאר איהם? וואו דען לויפט ער וועגען שוץ בעת א סכנה? סיידען ניט צו איהר פאלט ער צו מיט'ן רוקען זי זאל איהם פערהיטען פון הינטען ווען ער גרייט זיך צו א קאמף פון

פארענט? דאן שטעהט ער אזוי נאדענט און אזוי צוטרוילוך צוגעטוליעט צו איהר! אין איהר קאלטער שטייפקייט שעפט ער מוט און כח. דאן פיהלט ער ווי א טייל פון איהר שטיינערנער נשמה וואלט אריבער אין איהם, און ער ווערט אליין א שטייפער און א קאלטער, און שטעהט ווי א פערשטיינערטער אנטקעגען די קוילען פונ׳ם פיינד... וועלוועלען איז ניט לאנג־ווייליג אונטער דער וואנד, ער פיהלט זיך פערבונדען מיט איהר.

וועלוועלע האט פלוצלונג ארויסגעטראטען אויף א שטיק בלעך—א דעקעל אדער א זייטעל פון א בלעכענעם נאפט־קעסטעל. דאס בלעך האט אונטער זיין פוס א קלונג געטהון מיט א צובראַ־כענעם, ק־עכצענדיגען קלונג. ער האט זיך מיטאמאל געגעבען א שטעל אפ און א קיק ארום. ער האט זיך שטילערהייד צוגעזעצט, גענומען דעם שטיקעל בלעך אין די הענד און אוועק־געלעגט אן א זייט פונ׳ם שטעגעל. אויפ׳ן שטעגעל דארף מען געהן לייכט, קלאנגלאז—דאס שטעגעל דארף זיין ריין. פון וואנען איז דא דאס בלעך? אוודאי, האט מען איהם ביטאג ארויסגעווארפען פון א הויף. נאר עס טרעפט זיך אנדערש אויך. אמאל לעגען „זיי" אונטער אומישטען א בלעך אדער וואס עס איז קלאפעדיגעס דעם וועכטער אונטער די פיס, כדי הערען ווען ער געהט דורך. און אצונד הייבט שוין טאקי אן ווערען אונרוהיג. אין געגענד האבען זיך שוין געמאכט „צופאלען". מיט א פאר נעכט פריהער, זיינען דריי אונבעקאנטע רייטער בעפאלען א פלח, וואס איז געפארען מיט׳ן וועג, טאקי אויפ׳ן יודישען בארען, א האלבע שעה פון דער קאלאניע, און צוגענומען ביי איהם א שקאפע פון פופצעהן לירעס. און אין דער קאלאניע האט מען פון קיין זאך ניט געוואוסט ביז אין דער פריה!... שייך סעיד, דער בעוואוסטער אנפיהרער פון די גנבים אין געגענד, האט איהם שוין מודיע געווען, דעם פלח, אז פאר ניין לירעס, קאן ער

האבען צוריק זיין שקאפע. ער וועט זי שוין אויסדינגען פאר א פינף לירעס אויסלייז־געלד!... אוויילע איז וועלוועלע געזעסען אויף די קני און שארף זיך צוגעהערט. דערנאך האט ער זיך אויפגעהייבען און לאנגזאם גלייכגילטיג אוועק ווייטער. אמאל, די ערשטע צייט, פלעגען די אלע קליינע שרעקען און פערדאכטען מאכען איהם שטארק נערוועז. אצונד איז זייער ווירקונג אסך א קלענערע און א קירצערע. ער נעהמט זיי אויף פארבייגעהענדיג, ווי א שטאדטישער מענש די גאס־איינדרוקען, די מעגליכקייט אריבער־געפאהרען צו ווערען, צוזאמענשטויסען זיך מיט עמיצען, אריינפאלען אין א געשלעג.

וועלוועלע איז באלד ווידער געווארען אונרוהיג. ער האט שוין דערגרייכט כמעט ביז'ן צווייטען עק פון דער וואנד. דא איז געוועזן אנ'אלט, שוואך טירעל, וואס האט זיך ניט גאר פעסט געהאלטען אין איהר ראס. ביי א שטופ פלעגט זי קלאגעדיג סקריפען, און אזוי ווי נאכגעבען א ביסעל. ס'האט זיך געדוכט, אז מיט איין שטארקען שטויס קאן מען זי אינגאנצען ארויסזעצען. שוין ניט איין מאל האט וועלוועלע געמאכט אויף דעם אויפמערקזאם דעם בעל־הבית, אבער יענער, א פעראריטמטער און אפגעלאזענער קאלאניסט, פלעגט נאר מיט א האלב־מויל צוזאגען פעררייכטען דאס טירעל. און אזוי איז עס געבליבען ניט פעררייכט. יעדע נאכט פלעגט וועלוועלע מיט א בעזונדערען פערדראס ארומטאפען די אלטע, פערשטויבטע און איינגעקנוימשטע ברעטער פונ'ם טירעל, און לייכט א שטופ טהון עס ביים שלאס — ער האט מורא געהאט עס זאל זיך ניט עפענען. און אצונד איז גראד אזוי געוועזן. קוים האט ער דאס טירעל א ריהר געגעבען ווי עס האט מיט א שטיל סקריפען, געגומען אפטרעטען פאר זיין האנד. וועלוועלע האט אינסטינקטיוו אוועקגעריסען די האנד. זיין קין איז עפעס ווי שארפער געווארען און ארויסגערוקט זיך פארויס,

אריינגעשניטען זיך אין דער פינסטערניש. די נאזלעכער האבען א ציטער געטהון, פונאנדערגעבריטערט זיך און דורשטיג אריינגעשעפט די לופט. איהם האט זיך אפילו אויסגעדוכט, אז די אויערן זיינען ביי איהם געווארען שטייף און אויפגעשטעלט, ווי ביי א געיעג־הונד. ער האט ארויסגענומען פון שיידעל דעם נאגאן און געהאלטען איהם גרייט אין דער רעכטער האנד. נאך א שוואכער פרובענדיגער שטופ אין דער טיר. זי האט ווייטער געגעבען א טרעט אפ אויף צוריק. מיט א שטארקען זעץ, א ביסעל אומגעריכט פאר זיך אליין, האט ער זי ברייט געעפענט. ער איז געשטאנען מיט איין פוס אויפ'ן שוועל, א דינער, א גלייכער, אנ'אנגעשט־ענגטער, די האנד מיט'ן רעוואלווער עטוואס ארויסגערוקט פארויס — און מיט אויפגערעגטע אויגען געעגבערט דעם חושך. דער הויף האט געשוויגען, נאר א הונד האט זיך ווי צוטומעלט א ווארף געגעבען צו איהם, און בייז פונאנדערגעבילט זיך — אבער ניט צוגעקומען נאהענט. וועלוועלע האט געגעבען א לויף אריין אין הויף. ער האט זיך אומגעקוקט, א דרעה געטהון זיך ארום זיך, און מיט גרויסע שטייפע טריט, ניט זארגענדיג זיך מעהר וועגען פארזיכטיגקייט, ארומגעשפאנט דעם הויף, צוגעגאנגען זעהן, צי ביי די מוילעזלען, וואס זיינען געשטאנען נעבען א וואגען, זיינען געפענטעט די פיס, ארומגעקוקט די שטאלען, געפרובט די שלעסער... ער האט אזוי טאקי געטראכט, אוודאי האט דער קאלאניסט אליין געלאזט אפען דאס טירעל.

אויפ'ן גאנעק האט זיך בעוויזען דער קאלאניסט מיט א לאנטערן, וואס האט זיך געוויגט און געטרייסעלט ביי איהם אין האנד. מיט דער צווייטער האנד האט ער צוגעהאלטען די אפענע טיר און הינטער זיין אקסעל האט ארויסגעקוקט א צושראקען ווייבערש פנים.

—מן האַד? — האט דער קאלאניסט אויסגעשריען אין אראביש — ווער איז דא?

—קוש א בער! — האט א ברום געטהון וועלוועלע זיך אונטער'ן נאז און איז בייז צוגעגאנגען צום גאנעק.

—ווער איז— דער וועכטער? — האט אונרוהיג א פרעג געטהון די קאלאניסטקע.

—דער וועכטער, דער וועכטער... ר' משה, איהר האט שוין גאר אויפגעהערט צו פערשפארען דאס טירעל? צום שווארץ יאהר! אזוי אייך קאן מען דאס ארויסזעצען מיט איין בלאז—נעהמט איהר און לאזט עס גאר אפען! מ'וועט ביי אייך אוועקפיהרען די בהמות— זיינען מיר שולדיג?... אז איהר לאזט הפקר, זיינען מיר ניט פעראנטווארטליך... מיר וועל'ען אזוי ניט צאלען פאר'ן שאדען, זאג איך אייך פארויס... איך האב געמיינט גנבים זיינען אינוועניג. איהר פערשטעהט דאס? צום טייוועל!...

נאר דער קאלאניסט האט ניט פערשטאנען, ער האט געפרעגט אונרוהיג:

—ס'איז גאנץ? אלץ איז גאנץ? אלע בהמות?

ער איז אוועקגעלאפען צו די מוילעזלען וואס נעבען וואגען, צו די שטאלען, צו דער היגער־שטייג.

—גאנץ. כ'האב שוין געזעהן,—האט ברוגז'דיג געזאגט וועלוועלע.

—נו, דאנקען גאט! — האט מיט א דערלייכטערונג אפ־געזיפצט די קאלאניסטקע, און אריין אין שטוב.

וועלוועלע איז נאכגעגאנגען דעם בעל־הבית. זיי זיינען צו צום טירעל.

—ר' משה, איך זאג אייך נאכאמאל... מיר וועלען זיך קלאגען צום קאמיטעט פון דער קאלאניע... מיר דארפען ניט

ליידען פאר אייך!

דער קאלאניסט האט זיך אפגעשטעלט און מיט אנ'איינ־געהאלטענער פיינדליכקייט געגעבען א קוק אויפ'ן וועכטער.

— כ'וועל פעררעכטען דאס טירעל! כ'האב דאך אייך שוין געזאגט!.. וואס ווילט איהר פון מיר? וואס, איך האב עס אומישטען געלאזט אפען? ווען זאל איך עס מאכען? כ'וועל פרייער זיין פונ'ם שייער וועל איך עס פעררעכטען.

וועלוועלע איז ארויס פון הויף און אוועק ווייטער צו דער וואנד. אצונד איז ער געווארען רוהיג, מיט אנ'אפאטישער רוהיג־קייט, אזוי ווי אויסגעלעדיגט אינווענינג. ביי יעדען טירעל פלעגט ער ווי פריהער כאפען א קוק ארום און אויף הינטער זיך, פארביי־די סידרעס איז ער געגאנגען מיט לאנגזאמערע טריט און שארפער זיך צוגעהערט — אבער דאס אלץ האט ער געטהון מעכאניש, ווי מעכאניש א מענש טרעט איבער מיט די פיס בעת'ן געהן. ער האט געוואוסט אויף זיכער, אז קיין גנבים וועלען זיך היינט ניט בעגעגענען. אצונד האט ער איבערניים דערפיהלט דעם קאפ־וועהטיג, און נאך שטארקער ווי פריהער. מיטאמאל איז איהם קלאר געווארען, פארוואס ער איז אזוי „אנגעדרעהט", אזוי ברוגז'־דיג דעם גאנצען אוונד. ער פיבערט דאך!.. אט כאפט איהם אן א קאלטער ציטער, עס טרייסעלט איהם שוין היבשליך... מארגען וועט ער שוין האבען א טאג... א, ווען ער זאל זיך קאנען אוועקלעגען!..

ביים אריינגאנג אין דער קאלאניע האט וועלוועלע געפונען דעם צווייטען קאלאניע־וועכטער, אלטער שיקען. שיק איז שוין פון א פערטעל שעה ווי ארויס פון אונטער דער אגדערער וואנד, און זיך אפגערוהט דא אויפ'ן ראג, אויף די שטיינער. וועלוועלע האט זיך שווייגענדיג שטיפער איינגעוויקעלט אין זיין אבייע, און צוגעלעגט זיך נעבען דעם חבר. ער איז געווען מיד און דערשוויצט,

די פיס האבען איהם געבראכען, און דא בלאזט נאך א שטארקער ווינד, פון וועלכען די אבייע — קוים וואס זי פערשטעלט איהם.

— קין איז דא ניט געייען?

— ניין.

— גיב א פייף... איין מאל נאר... איך פיבער, דאכט זיך.

א לאנגער, שניידענדיגער פייף האט געגעבען א ריס דורך די שטומע נאכט. א וויילע איז געווען שטיל. דערנאך האט זיך דערהערט אנ'ענטפערדיגער פייף. נאך עטליכע מינוט, און פון דער פינסטערניש האט זיך ארויסגעטיילט א שאטען פון א מענשען.

זיי זיינען געזעסען און גערויכערט. וועלוועלע האט אויך געפרובט פעררויכערען, אבער באלד אוועקגעווארפען. ניין, ס'איז טאקי קדחת!

— וואס הערט זיך ביי דיר, אלטער? — האט געפרעגט קין — שטיל?

— דאכט זיך... שטיל.

— „דאכט זיך"! שטענדיג דאכט זיך דיר... שוין צייט דיר מאכען נאך א „דור" ארום דער וואנד. „דאכט זיך", אז דו זיצסט שוין דא לאנג.

— מען ווייסט אהן דיר אויך, — האט אונצופרידען א בורטשע געטהון שיק, און איז לאנגזאם אוועקגעגאנגען.

— פיבערסט טאקי, שאקאליק? — קין האט איהם וויך אוועקגעלעגט די האנד אויפ'ן ברוסט.

— ס'איז מיר שווער צו געהן, — האט זיך קורץ אפגערופען וועלוועלע.

קין האט געטראכט.

— ניין, מ'קאן ניט... אזוי לאזען טאר מען ניט... דו מוזט געהן! ווען אנ'אנדערער!.. און מיט ד ע ם וועלען מיר

נאך אמאל אריינפאלען!.. נאך א שעה געהט ארום די לבנה— וועט ער שוין אליין דערוועכטעוועןביידע ווענד. שאקאליק! נו, שטרענג זיך אן, מאך נאך א „דור"! וועסט ניט פגר'ען פאר איין מאל... אזא צייט! איך טאר זיך אויך ניט אפקעהרען אויף א מינוט פונ'ם שייער. מיין טאדרעסקא איז אפילו ניט קיין חניאק,—העגטעלאך האט ער—הלואי אויף מיר, אבער, וואס ביי איהם טהוט זיך אונטער'ן דעקעל, איז — הלואי אויף דיר! נו, גייסטו? איין דור נאר!

— אָך־כאָ... ס'איז מיר ניט גוט...

ער האט זיך מיט מיה אויפגעהייבען, און שלעפענדיג די שווערע פיס אוועק אונטער'ן וואנד. קין האט איהם מיט רחמנות נאכגעקוקט. דערנאך האט ער זיך א קעהר געטהון אין דער אנדערער זייט.

— ווען מ'וואלט זיך כאטש אויף יענעם „גבור" געקאנט פערלאזען!.. טפו, ס'ארא מענשען מ'שיקט אונז צו!.. ברענען זאלען זיי אלע!..

ב.

וועלוועלע איז אפגעשלאפען פון האלבער נאכט ביז מי־טאג. נאר אויסגעשלאפען האט ער זיך ניט געפיהלט. די היץ איז אראפ, אבער דער קערפער איז געווען ווי צובראכען. אין קאפ האט געהודיעט. אזוי ווי א מיל וואלט דארטען געארבייט אינ־ווענינ. ס'האט זיך גאר ניט נעוואלט עסען. אין מויל איז געווען ביטער. דער צימער איז געווארען לעדיג—אלע זיינען אוועק אין קיך מיטאגען... און ער פיבערט... פאר וואס פיבערט ער אזוי אפט? אפשר, פון ניט דער־שלאפען? דער רעכטער שלאָף פון די וועכטער איז פון גאנץ פריה, ווי נאר ס'הויבט אן

צו טאגען, ביז א זייגער עלף=צוועלף—ווארמעס־צייט, און ער כאפט זיך אויף, געוועהנליך, אכט אדער ניין, און בלייבט שוין וואך. ער קאן מעהר ניט כאפען דעם שלאף! מיט א צידולטען קאפ וואלגערט ער זיך אזוי כמעט יעדען טאג אינ'ם אנגע־פארעטען צימער, נעבען די דערשוויצטע, שלאפענדיגע חברים. אמאל פאלט ער אוועק נאכמיטאג אויף זיין ראגאזשע און ווערט אנ'דרעמעלט אויף א שעה. און אפט בלייבט ער שוין וואך דעם גאנצען טאג און געהט אזוי אוועק, א ניט=געשלאפענער, אויף זיין פאסטען. פאר וואס איז דאס—וואס עס שלאפט זיך איהם ניט? ווייל די פליגען בייסען? ווייל די שיין פון דער זון שטערט איהם? פריהער איז דאס ניט געווען. ס'איז דאס לעצטע יאהר געווארען אזוי. אָהאָ, אמאל האט ער געהאט אנ'אייזערנעם שלאף!... אבער דריי יאהר וואך, מיט י ע נ ע ר ביינאכטיגער אנשטרענגונג, האבען טאקי געווירקט אויף איהם...

נאכמיטאג איז וועלוועלע אויפגעשטאנען, ארומגעגאנגען אביסעל. דאך האט מען גאר ניט געהאט וואס צו קלערען פון שיקען איהם וועכטעווען די נאכט. אגב, האט זיך געמאכט מיט וועמען איהם צו פערבייטען, ס'איז געקומען דער „ממלא מקום"— א דיקער א שווערער פעלד־וועכטער, מיט א פערברוינט, רויט פנים. ער פלעגט אפט ארומפאהרען איבער די קאלאניעס אנשטאט דעם „בער", דעם אנפיהרער פון די וועכטער, בעת יענער האט קיין צייט ניט געהאט. פון דאנען האט אויך געשטאמט זיין נאמען—„ממלא מקום". אצונד איז ער געקומען וועגען קויפען גערשט פאר די שקאפעס פון די רייטער, די פעלד־וועכטער.

נאך מיטאג פלעגען די וועכטער, ניט שלאפענדיג מעהר, גלאט וואלגערען זיך ביי זיך אין שטיבעל אויף דער פאדלאגע ביז וועטשערע. ס'איז טאקי דא אויך געווען א דערשטיקעניש. אבער אין דרויסען האט די זון געברענט—גאר ניט ארויסצוגעהן!

מען איז געלעגען האלב־נאקעטע, אין לאנגע אראבישע העמדער, אדער אין געוועהנליכע וועש, און מען האט געפלוידערט. דער־צעהעלט „צופאלען", בעריהמט זיך מיט די גבורות. גערעדט פון מיידלאך, גע־אנגעלט זיך. פארנאכט פלעגט מען ארויפציהען די הויזען און מיט א פוילען גאנג אוועקשלעפען זיך אויפ'ן גאס, אלע ציזאמען, מיט פערשלאפענע, צוקנויטשטע פנים'ער, מיט צושויבערטע האר, בארוויסע, ארומגע־יסענע, ניט־געוואשענע. „אקוראט ווי די טערקישע חיל'ען"—פלעגען זאגען, שפאסענדיג, די קאלאניסטען. ערשט שפעטער, צו דער וואך צו, פלעגט מען זיך אנטהון מיט'ן „פולען פאראד".

דעם נאכמיטאג זיינען אין וועכטער־שטיבעל געווען געסט: דער „ממלא מקום" און צוויי ארבייטער, וואס זיינען געקומען זוכען ארבייט אין דער קאלאניע. דערווייל זיינען זיי אריין צו די וועכטער אפרוהען זיך. זיי האבען אויסגעשפרייט א פעלערינע נעבען וועלוועלעס ראגאזשע, צוגעזעצט זיך, פעררויכערט. ס'האבען אריינגעקוקט אויך א פאר קאלאניסטען־שכנים, וואס האבען געוואלט איבערוואַרטען אביסעל די היץ, איידער זיי געהן נאך ווארימעס אויפ'ן שייער. זיי זיינען געבליבען זיצען אויפ'ן שוועל. דער „ממלא מקום" איז זיך דורכגעגאנגען א פאר מאל איבער'ן צימער, קוקענדיג פון דער קרום אויף שיקען, אדער, גיכער, אויף שיק'ס בעטעל, פון וועלכען דער בעל־הבית האט אפנים גאר ניט געקליבען זיך ארויסקריכען.

— שיק! אזוי נעמט מען אויף א גאסט? מ'לאזט איהם גאר ניט צושפארען זיך?—האט דער „ממלא מקום" געוואלט ווירקען אויף איהם מיט גוטען.

קין, וואס איז געלעגען ביי זיך אויף דער אבייע, ביי דער אנדערער וואנד, האט זיך געפרובט אריינמישען, קאליע מאכען דעם „ממלא מקום".

— ווי געפעלט אייך דער גאסט ? ביסט שוין ביי אונז אויס גאסט—געהסט היינט ווערטשאפט... דערויף ביסטו א „ממלא מקום"—צו „ממלא מקום" זיין, וואו עס פעהלט א סלופ... לאז איהם ניט, שיקעלע ! די זייטען וועלען איהם ניט אפדארען—ער מעג ליגען אויף דער פאדלאגע... ער האט דאך ניט געענדיגט קיין קאמערץ-שולע אין טשערנאוויץ ! כא-כא-כא...

וועלוועלע האט אויך געשטארקט שיקען :

—לאז איהם ניט, אלטער. זיי ניט קיין נאר !

אבער דער „ממלא מקום" האט געוואוסט צו וועמען ער ווענדט זיך. שיק האט געהאט א ווייך, פיהלענדיג הארץ. ער האט זיך געגעבען א רוק אפ און א ברום געטהון, ווי אונצופרידען :

—געה לעג זיך ! ווער לאזט דיך ניט ?

דער „ממלא מקום" האט זיך דערנעהענטערט און געזאגט שטיל:

—לאז מיך צו דער וואנד... איך וויל כאפען א דרעמעל.

און באלד איז ער שוין געלגען אויפ'ן בעט, צו דער וואנד צו, און מיט'ן וואג פון זיין שווערען קערפער ארויסגעשפארט דעם לייכטען גוף פונ'ם גאסטפריינדליכען בעל-הבית.

— וואס צולעגסטו זיך אזוי ברייט ! איך האב שוין באלד קיין ארט ניט !—האט פראטעסטירט שיק, דערהעהענדיג זיך אויף דעם אייזערנעם ראנד פונ'ם בעט, וואס האט איהם געשניטען אין רוקען, און פיהלענדיג, אז זיין פאזיציע איז זעהר ניט קיין זיכערע.

— וואס איז ? דיר איז דען ניט בעקוועם ?—האט מיט א צארטען מיטגעפיהל געפרעגט דער „ממלא מקום", און דערביי א רוק געטהון מיט זיין מעכטיגען אקסעל.

—געה אין דר'ערד !—האט בייז א קוויטשע געטהון שיק, קייקלענדיג זיך פון דער בעט.

—אֵי שיק, שיק !—האט מוסר'נדיג בעטערקט קין.—אליין שיקסטו און אליין ליגסטו...

חברה האט אויסגעשאסען א געלעכטער.

איינער פון די קאלאניסטען, א יונגערמאן פון א יאהר דרייסיג, האט א פיהר געטהון מיט די געלע וואנסעס, געגעבען א קרים מיט די געל־רויטע, אנגעגעסענע באקען, און גיפטיג בעמערקט:

—ס'א לעבען! חברה־לעדיגגעהער... וואס פעהלט זיי? אויף אונזער קארק זיצט מען... אויף אלעם גרייטען.

—פערגינסט נישט? געלע שטעכאלקע! נישט קשה, האסט א געזונדען קארק!—האט זיך צולאכט קין.

דער קאלאניסט האט אויפגערייצט ארומגעקוקט זיך. זיינע באקען זיינען געווארען נאך רויטער. ער האט געזאגט געלאסען, אבער מיט א ציטער פון בעליידיגונג אין קול:

—טאקי, אויף אונזער קארק דארף מען טאקי רייטען... מיר זיינען דאך נאר געמיינע בעלי־הבתים... און איהר זייד דאך גבורים, יודישע קאזאקען, אונזערע בעשיצער... כע־כע—על פי יושר דארפען מיר אייך אויסהאלטען כדי איהר זאלט האבען די מעגליכקייט ארומגעהן פוסט־און־פאס... כע־כע־כע, נו, און טאקי, ערנסט גערעדט... כע־כע... וואס איז אייער ארבייט? בייגאכט דורכגעשפאצירט זיך עטליכע שעה, פערטריבען ווי עס איז די לעדיגע צייט, פלוידערענדיג אויפ'ן ראג, געניצענדיג, רויכערענדיג, און דערנאך — ליג א גאנצען טאג.

—פויערשער קאפ דיינער! — האט זיך א הייב געטהון דער „ממלא מקום".—ווער אויך א וועכטער, אויב דיר געפעלט דאס אזוי. אט געה היינט וועכטעווען אנשטאט מיר. זעהסט דאך, איך בין מיד פון וועג, און מארגען פאר פריה דארף איך ווייטער פאהרען... און אפשר ווילסטו גאר ווערען א היל, א רייטער?

— גבורים! — דער קאלאניסט האט גאליג א שמייכעל געטהון.

— נו, ווילסט ? איך מיין ערנסט.

— יא, יא, מעגסט ווארטען ! ער וועט זיין אזא רייטער, ווי איך א . . . א . . . — דאט ניט געקאנט צוזוכען קיין פערגלייך טאדרעסקא.

— א רויטער,—האט אונטערגעזאגט קין.

— א רויטער . . . כא-כא-כא, — האט נאכגעזאגט טאד-רעסקא, א צופרידענער, וואס ער האט אויך א ווארט אריינצושטע־לען אינ'ם שמועס. — פאר א יאהרען, בעת מ'האט זיך איבער־געשאסען מיט די בעדואינער — איך האב דא דאן געארבייט ביי פעלדשטיינען—איז ער פינף שעה אפגעלעגען בעהאלטען ביי זיך אונטער'ן בעט. קוים וואס מ'האט איהם ארויסגעשלעפט . . .

—כא־כא־כא . . . אמת, שטעכאלקע ? אי, א רויטער ! כא־כא־כא . . .

—וואס—„ארויסגעשלעפט" !—האט קין תיכף צוגעקלערט אנ'אנדער נוסח.—מ'האט איהם מיט גוטען איינגער־עדט. צוויי שעה גע'טענה'ט שוין נאך דעם ווי זיי זייגען אוועק—די רויבער. און ער האלט אין איין שרייען, אז ער וויל ניט געהן אויף א זיכערען טוידט . . . טאדרעסקא ! דו מענשעלסט זיך אויס, טאדרעסקא ! נאך א שטיקעל צייט וועט קיינעם ניט איינפאלען אז דו ביסט געווען אמאל א פלח, א פויער.

טאדרעסקא האט א כאפ געטהון א קוק אויף זיינע גרויסע, אויסגעארבייטע הענד און איבער זיין ברייט, געגריבעלט, טרוקען פנים האט זיך צוגאסען א קוועלענדיגער שמייכעל. ביז ניט לאנג איז ער געווען אנ'אקערבויער־ארבייטער. די קאלאניסטען פלעגען איהם אומעטום גערן צונעמען, מ'האט איהם געקאנט פאר א פלייסיגען, געזונדען און געניטען ארבייטער. עפעס פויערישעס, אמת־ערדאר־בייטערישעס האט זיך געפיהלט אין אט־דער ביינערדיגער, מיושב־דיגער, שווערליכער פיגור. אין זיינע געהארכזאמע, רוהיגע

עטוואס כמורנע אויגען האט זיך געמערקט נאך וואס, א מין איינגעוואורצלטע עקשנות, וואס האט געגרעניצט מיט זעלבסטשטענדיג־קייט. ער האט געהאט א לאנגזאמען און טעמפען שכל בנוגע אליץ, וואס איז ארויס פונ׳ם קרייז פון זיין וואכעדיגען לעבען, בנוגע אליץ וואס האט געפאדערט א שנעלען פערשטענדעניש, און צוזאמען מיט דעם האט ער געהאט א פראקטישען חוש, אזוי ווי א אינסטינקטיווע פעהיגקייט צו בענעהמען אנ׳ארבייט. זיין גאווה איז געווען צו זיין דער ערשטער ארבייטער. ער האט זיך צו יעדער זאך צוגעקוקט מיט געוועהנטע, פראקטישע אויגען און געארבייט דערנאך ניט שוינענדיג קיין כחות, „ווי אנ׳אקס“— לויט דער מיינונג פון זיינע חברים. נאר די שפאסען האבען איהם ניט בעריהרט. אלע האבען דאך געוואוסט און געמוזט מודה זיין, אז ער איז דער בעסטער ארבייטער! דערנאך איז געקומען א מאמענט, אז דאס האט איהם אויפגעהערט צו בעפרידיגען. ער איז געווען פון די מענשען, וואס מוזען שטענדיג עפעס דערגרייכען, עפעס אזוינס, וואס ביי זיי אליין, אונבעוואוסטזיניג, במשך פון א לאנגער צייט, ארבייט זיך אויס אלס א צוועק. ער האט זיך אנגעהייבען פער־טראכטען וועגען וועכטעריי. אמת, א וועכטער מוז כסדר איינ־שטעלען דאס לעבען, ניט־דערשלאפען, פרירען און נעצען זיך דורך די ווינטער־נעכט—דערפאר אבער, איז ער א וועכטער, א מענש מיט געוועהר, וואס אלע האבען פאר איהם דרך־ארץ, און ער דארף פאר קיינעם קיין מורא ניט האבען. פארוואס זאל ער, טאדרעסקא, אויך ניט זיין אזא? קיין פחדן איז ער ניט, קיין כח פעהלט איהם ניט. נאר— וואס מען קאן ניט שלאפען ביי דער נאכט? צו דעם געוועהנט מען זיך צו, מען שלאפט זיך אויס בייטאג. און אצונד האט ער זיך רוהיג און איינגעשפארט, איבערגעגעבען צו זיין נייער שטרעבונג— צו ווערען א וועכטער, „אנ׳אמת׳ער וועכטער“.

טאדרעסקא האט זיך דערמאנט וועגען זיין רעוואלווער — אפשר איז שוין צייט איהם צו רייניגען. ער האט געבראכט א פלעשעל אויל, א קוימיגע שמאטע, אנידערגעזעצט זיך אויף דער ערד און גענומען פונאנדערשרויפען דאס געוועהר. מיט איין שרייפעל איז איהם עפעס ניט געגאנגען.

— עס געהט ניט, — האט ער אויפגעהויבען די אויגען צום „ממלא מקום".

צו איהם האט ער זיך בעצויגען מיט צוטרוי און אכטונג. פארט איז יענער א שטיקעל בעל־הבית! און ער האט מיט זיין אינסטינקט פון א געבויירענעם ארבייטער געוואלט איהם צופריעדענשטעלען, בעווייזען, אז ער סטארעט זיך. דער „ממלא מקום" האט אונבעוואוסטזיניג דערפיהלט די בעציהונג און אפגערופען זיך אויף איהר. און ער איז גלייך, נאטירליך, ניט פיהלענדיג דאס, אריין אין דער ראליע פון א בעל־הבית.

— וויז אהער! פאר וואס האסטו ביז אהער ניט גע־רייניגט? זעה, ס'איז דאך שוין באלד פערראסטעט געווארען. מ'טאר זיי קיין שטיקעל רעכטען געוועהר אין האנד ניט געבען. נא, נעהם, דרעה דאס אט־אזוי. דעם שרויפעל לאז צורוה, ד ע ם דרעה! זעהסט, ווי ס'האט זיך צונומען? איצטער רייב מיט'ן אויל . . .

טאדרעסקא האט געהארכזאם און איבערגעגעבען געטהון, וואס מ'האט איהם געהייסען. ער האט זיך עפעס געפיהלט רוהיגער און בעפרידיגטער, הערענדיג דעם בעפעהלענדיגען טאן פון דעם „ממלא מקום", א טאן, וואס האט איהם פון אלעמאל בעגלייט אין דער ארבייט. ער האט פלייסיג גענעצט און געריבען די מעטאלישע טיילען פון זיין אלטען, פיעל־גענוצטען רעוואלווער.

דער צווייטער קאלאניסט, א הויכער, א פולער, א גע־זונדער, מיט דיקע, טונקעל־בלאנדע וואנסעס און גוטמוטיגע,

לייכט-גרויע אויגען, האט זיך געגעבען א שאקעל צו זיין חבר צו:

— נו, וואס רעדסטו — וואס, שאַריק? לעדיגגעהער? און אז לעדיגגעהער וואס אַרט אונז? א מאדנער נפש — אלעמען דארף דאס מקנא זיין! די וואך פיהרען זיי אוים? פון גנבות ליידען מיר ניט — טא וואס קאנען מיר האבען פאר א טענות? נעהם — זעה די אנדערע קאלאניעס, וואו אראבער וועכטעווען — וויפיל גנבות זיינען געוועז דאס יאהר? און ביי אונז—ניטא! היינט וואס זשע ווילסטו? גלאט אבי גערעדט!...

— אזוי? און די טויזענדער וואס מיר צאלען איבער... וואס מיר לעגען ארוים מזומנים... לכתחלה?.. נאר ניט אנט־קעגען דעם רעד איך... טאקי יודישע וואך, אבער די קאלאניע דארף זי אליין פיהרען... פאר אונזערע געלד דארפען מיר זיין די בעלי-הבתים... זאגען א דעה... און ס'קומט אוים גאר פערקעהרט. זיי קומען גאר מיר זאגען א דעה, אז דעם ארבייטער מעג איך האלטען, און יענעם — ניט... וואס האבען זיי זיך אנגעזעצט אויף מיין אבדאַללאַ? איך וויל איהם האלטען — און אנ'עק! ער איז מיר א געטרייער ארבייטער...

— גוט. וואס דו האסט דערמאנט — האט שווער א קוק געטהון אויפ'ן קאלאניסט קין. — זאג איהם, ווען דו האסט איהם אזוי ליב, ער זאל זיך אפטראגען, וואס גיכער... אויב ער וויל זיך ניט דערווארטען מען זאל איהם אוועקטראגען אויף די הענד... מיר דארפען דא ניט האבען כאדש סעלימ'ס שפיאנען!

— טאקי? ביסט שוין זיכער אין דעם? אפשר וועסטו מיר אויך זאגען, ווען איך זאל נעהמען אויף זיין ארט?

אלטער שיק איז אנ'אויפגערעגטער ארומגעגאנגען איבער'ן צימער. ער איז געווען בייז אויפ'ן „ממלא מקום", וואס איז זיך אזוי ניט חבר'יש בעגאנגען מיט איהם, ער האט זיך געפיהלט בעליידיגט, וואס דער עולם האט געלאכט פון זיין פאלען, בעסער

ווי אלץ וואלט געווען אראפשלעפען .איהם" פאר די פיס און אליין לעגען זיך צוריק אויפ'ן בעט. דאן וואלטען „זיי" געזעהן, וואס ער קאן טהון!... נאר געה — שלעפ איהם אראפ—אזא קעמעל!.. שאריק'ס רייד האבען פלוצלונג איבערגעשלאגען ביי איהם די נקמה־געדאנקען. ער האט ביז א קיק געטהון אויפ'ן גיפטיגען, געלען מענשעל, געבליבען שטעהן אנטקעגען איהם, אנגעשטעלט אויף איהם דעם הויכען האלב-קיילעכדיגען שטערן, און מיט א זשעסט פון א רעדנער א הייב געטהון די האנד.

וועלוועלע האט אומגעריכט אויסגעשאסען א געלעכטער פון זיין ראגאזשע. קין האט זיך אויך צולאכט, נאך ניט וויסענדיג—וואס?—און דערנאך ערשט געפרעגט:

— וואס איז, שאקאליק?

— כא-כא... ווייז אהער דאס טאבאק-פושקעלע! שא! שא! אלטער שיק האט דאס ווארט!

שיק האט מיט מיטלייד זיך אומגעקוקט, גענעבען א קנויטש מיט די פלייצעס, און באלד געווענדעט זיך צו די קאלאניסטען:

—ווייסט איהר וואס זיינען די וועכטער? וואס הייסט— די יודישע וואך? איהר ווילט זי אליין אנפיהרען... . ווייסט איהר איהרע אידעאלען, איהר ווערדע, און וואס זי האט אויפגעטהון? האט איהר שוין פערגעסען די צייטען ווען אייערע ווייבער און טעכטער פלעגען ניט טארען זיך ווייזען אויפ'ן גאס, ווי נאר ס'פלעגט ווערען טונקעל... אין א י ו ד י ש ע ר קאלאניע פלעגט א י ו ד י ש ע פ ר ו י מורא האבען ארויסגעהן אין דרויסען אין אווענד!... א י צ ט ע ר ווילט איהר אליין פיהרען די וואך? פאר וואס האט איהר זי דאן ניט איינגעפיהרט? פארוואס האט איהר געווארט ביז מיר וועלען קומען און ארגאניזירען די וואך? און אז איהר האט ניט געקענט דאס טהון פריהער — פון וואנען וועט זיך אצונד נעהמען צו אייך די קענטשאפט?

— בראוואַ, שיק! — האָבען צופרידען אויסגערופען די וועכטער.

שיק האָט זיך נצחונ'דיג ארומגעקוקט און א מאַך געטהון מיט'ן האַנד, ווי איינלאַדענדיג דעם עולם צו זיין רוהיג און הערען איהם ווייטער.

—לעדיגגעהער? - זאָגט איהר אונז אצונד. פאַרוואָס קומט איהר ניט אונז זאָגען דאָס ווינטער, ווען מיר וועכטעווען צו דרייצען-פערצען שעה א מעת־לעת, ווען מיר שטעהען א גאַנצע נאַכט אין נאַסקייט און אין בלאָטע, ווען דער ווינד וואַרפט אונז פון די פיס, ווען מ'זעהט ניט אויף א האַלבען שפאַן ארום זיך, ווען מ'דערפיהלט דעם גנב בעת מ'שפאַרט זיך אָן אין איהם מיט די הענד? . . . און זומער—זומער איז די וואָך טאַקי ניט מעהר ווי א שפּילעכעל? זומער זיינען מיר ניט אויסגעשטעלט יעדע נאַכט צו זייערע קוילען? זומער זיינען מיר זיכער אַנטקעגען די געדיכטע סידרעס? . . . „פּוסט־און־פּאַס"—טאָ פאַרוואָס זיינען אַלע אַלטע וועכטער . . . אַלטע? גענוג איינעם אָפּוועכטעווען א פאַר יאָהר ער זאָל דאָס שוין פיהלען . . . טאָ פאַרוואָס, פרעג איך, ווערען זיי אזוי אָפּגעשוואַכט, אזוי אויסגעשעפּט? פון וואָס איז מען אויסגעמאַטערט—אפשר איז דאָס אויך פון לעדיג־געהן? איהר זייד געזונד — אפילו די לעדיגגעהער צווישען אייך . . .

— אזוי, אזוי, שיק! גיב זיי א בעגראָב! — האָט איהם האַלב־שפּאַסענדיג, האַלב־ערנסט געמונטערט קין.

— ער רעדט אויך! — האָט זיך פיינדליך אָפּגערופען שאַריק.—צוויי וואָכען א וועכטער—רעדט ער שוין פון ווינטער! . . . בע־בע־בע . . .

—פון זיך רעד איך? איך רעד פון דער וואָך!—האָט שטאַלץ געענטפערט שיק.

—ס'איז גאר איבעריג צו רעדען,—האט א געניץ געטהון דער „ממלא מקום".—איהר ווילט גוט זיין מיט שאריקען און ברענגט אריין אין כעס אבדאללה'ן... ס'איז אלצאיינס ווי גלעטען די קאץ ביי די וואנסעס און ציהען זי פאר'ן עק...

—האָ־האָ־האָ!...—האט זיך הברה צולאכט.

—ניין, פערקעהרט! — האט היים פראטעסטירט קין. — אבדאללה איז ניט דער עק...

—האָ־האָ־האָ!...

די אלטע וועכטער זיינען געוועזן צופרידען פון שיק'ס רעדע. זיי האבען זיך עפעס ווי געשעמט, אדער ס'איז זיי ניט אנגע־שטאנען איינשטעלען זיך אליין פאר זיך. אגב, האט זיך בייטאג זיי אויך אויסגעוויזען אביסעל, אז זייער ארבייט איז ניט קיין שווערע אין פערגלייך מיט אנדערע ארבייטען, אין פערגלייך מיט די פעלד־ארבייטען. דאס וואס זיי דרעהען זיך ארום אהן „א שטאך־ארבייט", בעת אלע זיינען בעשעפטיגט, האט עפעס ווי בערעכטיגט אין זייערע אויגען דאס ווערטעל—„לעדיגגעהער". פאר זיך האבען זיי געוואוסט, אז דאס איז ניט ריכטיג—און דאך האט דאס פאר דער וועלט געמוזט אויסקומען אנ'אמת! און דעריבער, אנשטאט צו אראפנעהמען פון זיך די בעשולדיגונג, האבען זיי זיך צוגעוועהנט, פערקעהרט,—צו בעריהמען זיך מיט זייער „פרעהליך לעבען", מיט זייער „לעדיגגעהן". און איצטער אויך, ניט קוקענדיג, וואס שיק'ס ווערטער זיינען זיי געפעלען געווארען, וואס זיי האבען דערפיהלט, אז ער האט טאקי ארויסגעזאגט זייער אמת, האבען זיי זיי דאך אויפגענומען ליצנות'דיג, אין קינ'ס טאן.

— בראוואָ, שיק! מ'זאגט אז אין טשערנאוויץ האט מען געמוזט אויסשרייבען א רעדנער פון כעלם, נאך דיין אפפאהרען.

—פארוואס פון כעלם?

—פארוואס? ווייל די כעלמער זיינען בעוואוסט...

—אָהאָ־האָ־האָ . . .

—קום אהער, שיק, לעג זיך דא נעבען מיר, — האט גרויס־מוטיג געזאגט דער „ממלא מקום“, —איך וועל דיר לאזען דיין ארט אויפ'ן אייזערנעם ראנד. דו האסט איהם כשר פערדינט.

שיק האט שיינענדיג ארומגעשפאַצירט איבער'ן צימער. ער האט געוואוסט, אז די אלע הלצית ווערען גערעדט סתם. אין דער וועלט אריין, אז באמת זיינען דאס אלץ בעגריסונגען און אפלאדיסמענטען. שאריק איז געזעסען מיט א זויערער מינע אויפ'ן פעראכטענדיג-פערקרימט פנים. איינער פון די אַרבייטער, א שווארצער, א געשווירענער, א נידעריגער, האט זיך פלוצלונג אריינגעמישט אין שמועס.

—אמאל האב איך אויך געמיינט, אז וועכטעווען איז קיין ארבייט ניט, —האט ער ארויסגערעדט אין א בעזונדער־אויפריכטיגען טאן, אין וועלכען ס'האט זיך קודם כל געפיהלט א אונבעוואוסטזיניגע זעלבסטצופרידענהייט מיט זיין אויסערגעוועהנליכער אויפריכטיגקייט. —נאר איצטער וועל איך דאס מעהר ניט זאגען. איך האב אליין געוועכטעוועט א נאכט. איצטער זאג איך ניט מעהר, אז דאס איז קיין ארבייט ניט.

זיינע ווערטער האבען עפעס מעהר ווי אלע אנדערע רייד אויפגעבראכט וועלוועלען. ער האט זיך אנגעלעהנט אויפ'ן עלענבויגען און כמורנע א ווארף געטהון:

—דו ווייסט שוין ? האסט געוועכטעוועט א נאכט ? א דאנק גאט פאר דעם . . . גיב דעם טאבאק, קי'ן !

—וואס איז שייך? —האט זיך רוהיג אפגערופען דער צווייטער ארבייטער, אויך א שווארצער, אבער א הויכער, מיט לאנגע, דינע פינגער, ווי ביי א מוזיקאנט. ער האט כסדר געמאכט מיט די פינגער בעת'ן רעדען, — וואס איז שייך — גרינגערע ארבייט,

ארבייט ? טאקי, אונזער ארבייט איז רוהיגער, כאטש, אפשר, שווערער . . . און די וואך—זי איז א סכנה—איז טאקי, אפשר, נאך שווערער . . . נאר וואס איז שייך ? ארבייט איז ארבייט . . . אלץ מוז געטהון ווערען!

ג.

אויף מארגען איז דער „ממלא מקום" אוועקגעפאהרען. וועלוועלע איז ווידער ארויס צו דער וואך. ער האט זיך געפיהלט שוואך, שלעפעריג. ער איז ארויס אויפ'ן ראג, אין דעם אויבער־שטענעק פון דער קאלאניע, און געבליבען שטעהן. ס'איז שוין געווען נאכ'ן צווייטען „דור", מסתמא, א זייגער עלף. ווען ער זאל ניט מורא האבען אנטשלאפען ווערען, וואלט ער זיך צוגעזעצט אויף א שטיין, אדער כאטש אנגעשפארט זיך אן דער וואנד, נאר אצונד טאר מען דאס ניט. ער קאן זיך אויף זיך אליין ניט פערלאזען. יערען טאג קומען אן ניט קיין גוטע ידיעות. עס האבען זיך שוין געטראפען קליינינשקע צופאלען. אנ'ארבייטער איז געפאהרען מיט א פערד־און־וואגען, האבען איהם אין „וואדי דשא־אב" אפגעווארט . צוויי אונבעקאנטע רייטער, בעדואינער לויט'ן אנטהון, די פנים'ער ביז די אויגען פערדעקט מיט די „קעפיעס". דער אראבער דער בעל־עגלה האט זיי בעמערקט ווי זיי בעהאלטען זיך הינטער'ן בערגעל, וואו דער וואדי (דער טאל) פערדרעהט זיך, זאגט ער צום ארבייטער: זיי ווארטען אונז אפ. נעהם ארויס דעם געוועהר, אנטלויפען איז אונמעגליך. סיי ווי סיי וועלען זיי אונז אניאגען. נעהמט דער ארבייטער זיין „ברוינינג", האלט איהם אין האנד. פערדרעהען זיי זיך הינטער'ן בערגעל—שטעהען אויף אנטקעגען זיי די צוויי רייטער, שטעלען אן זייערע „דזשיפטען" (אלטמאדישע נישטיגע ביקסען)— „האלט" !

זאגען זיי. שטעקט ער זיי ארויס דעם ברויניגג, און זיי האבען זעהר ניט ליב א „קליין געוועהר". רוקען זיי זיך אפ און מאכען מיט די הענד: — „גאט זאל דיך בענשען! פאהר געזונדערהייד! ס'איז נאר געוועןן א שפאס!".. כא-כא-כא!.. און דער „ממלא מקום" האט אויך דערצעהלט נעכטען, אז ער איז דורכגעפאהרען פארביי זעקס אזעלבע רייטער, וואס זיינען, זעהט אויס, פון די וואס זוכען... ביי זיי זיינען אויך די פנים'ער געוועןן גאר פערדעקט אין א בעדואינישע קליידונג... און אפשר אויף דער אמת'ן בעדואינער... איהם האבען זיי ניט געטשעפעט, ווייל ער האט זיך איינגעוויקעלט אין זיין אבייע און „קעפיע" פונקט אזוי ווי זיי. און האט זיי בעגריסט אין בעדואיניש... מ'דארף זיין פארזיכטיג. עס הייבט זיך שוין אן דער סעזאן פון די גנבות! און גנבות זיינען אלעמאל ווען גנבות זיינען...

וועלוועלע רייסט אויף מיט גוואלד די אויגען. ער איז שוין דאכט זיך געשלאפען. באמת, האט ער נאך היינט ניט געטארט געהן ווערכטווען. ער האט געדארפט אויסרוהען זיך כאטש נאך איין טאג נאכ'ן פיבער. און אזוי—קוים וואס ער שלעפט די פיס. געווים פיבערט ער איבער דעם אזוי אפט — אז מען לאזט ניט קומען צו די כחות נאכ'ן פיבער... דער „גרויסער בער" האט זיך שוין גאנץ היבש אראפגעזעצט און אויסגעדרעהט. אנהייב אווענד איז ער געוועןן אינמיטען הימעל, גלייך איבער'ן קאפ, און איז געלעגען אויף א זייט, אויסגעצויגען אין דער לענג, מיט'ן עק צום ירדן. איצטער איז ער אראפגעקראכען אויפ'ן ברעג הימעל. און האט זיך אוועק־געזעצט דארטען, ווי א פענדעל מילך אויף דער טיי מאשינקע — און מיט'ן עק צום מערב־זייט. און דארטען אין מערב־זייט, אין דער אנדערער העלפט־הימעל זיינען פארהאן די פיער ליכטיגע שטערען, וואס געהען ווי א דוהע, ווען זיי לאזען זיך אראפ איז שוין א זייגער האלב־איינס, אדער, איינס. דאמאלט איז ער שוין א האלבע

צייט אריבערגעקומען. דערנאָך שווימט ארויס דער מארגענשטערן. צוערשט גיט ער זיך א הייב איבער יענעם באַ־ג אין מזרח־זייט, און דאן שטעלט ער זיך צווישען אט־די צוויי בוימער. ער איז דער גרעסטער שטערן. ער גלאַנצט אזוי ווי די געפאלירטע ניקעלנע שפיצ״ן פון די פאטראנעס. נאר יענער שטערן, וואס איז מיט א שטיק העכער פאר דער דוהע, איז אפשר גאר ניט קלענער פא״ן מארגענשטערן. ער ליגט אויך אין א שיידעל פון געפא־לירטען ניקעל. מ'זאגט, אז דאס איז „ווענערא". אבער, וועלוועלע האט זיך שוין לאַנג איבערציינגט, אז די וואס רעדען אזוי ווייסען אליין ניט. ווען זיי פערגעסען זיך, זאגען זיי, אז דאס איז „יופיטער", אדער נאך א וועלכען ס'איז משונה'דיגען נאמען. וועלוועלע רופט איהם דעריבער „אוואנדשטערן", ווייל ער בעוויזט זיך גלייך מיט'ן אוועגד. פונקט ווי מ'רופט „מארגענשטערן", דער וואס קומט פאר־טאג. נאך איז פארהאן א הייפעל שטערנדלאך, וואס זעהן אויס ווי א קליין ווערימעל, וואס האט א ברייט קעפּיל און א שמאלען לענגליכען עקיל. דאס איז דער „יוד". וועלוועלע האט נאך א סך בעקאנטע שטערען אין פערשידענע עקען הימעל, וואס ער האט פאר זיי קיין נאמען ניט. זיי האבען איטליכער זיין גאנג, זיי געהן זייער וועג. ווייטע, פרעמדע, גלייכגילטיגע צו דעם, וואס עס טהוט זיך אונטער זיי. זיי לעבען נאר פאר זיך און צווישען זיך ... וועלוועלע האט צו זיי קיין פרעטענזיעס ניט פאר זייער קאלטער אפגעזונדערטקייט, ער האט זיי ליב אזעלכע ווי זיי זיינען—ציטערנדיגע אדער גלייכע, אונבעוועגליכע, בלויליכע אדער געלבליכע, גאלדענע, שטאלצע, מעכטיג-שיינענדיגע און קלייני־טשקע, וואס זיינען ווי פונקען וואס ווילען, דאכט זיך, אט־אט אויסגעלאשען ווערען — ער האט צו זיי קיינע תביעות ניט פאר זייער הויך, פאר זייער גרויס. ער האט ליב צו קוקען אויף זיי... ער האט ליב זעהן די פאלענדיגע שטערען. אנ'אנדערער גליטשט

זיך דורך דורכ'ן גאנצען הימעל און לאזט נאך זיך איבער, אויף א ווײלע, א לאנגען, שײנענדיגען פּאַס . . . ווען ער זאל ניט דארפען באלד געהן מאכען א „דור", און זאל ניט אזוי וועלען שלאפען, וואלט ער נאך לאנג דא אזוי געשטאנען, קוקענדיג אויף די שטערען. ער וואלט אליך געזעהן שטערען און שטערנד־לאך . . . גאלדענע פונקען . . . פײערלאך . . . דרעהען זיך איבער'ן הימעל . . .

וועלוועלען האט עפּעס פּלוצלונג געגעבען א ריס פון די פיס. ער האט ניט בעמערקט, ווי ער איז אנדרעמעלט געווארען. זיין קערפּער האט זיך לאנגזאם געבויגען און געבויגען אראפּ, ביז ער האט מיט אמאל פערלוירען דאס גלייכגעוויכט. ער האט א ציטער געטהון מיט'ן גאנצען גוף, געגעבען א ווילדען ווארף ארום מיט דעם פוס, און א שפּאר זיך אן אויף זיין „נאַבוט". ער איז קוים איינגעשטאנען אויף די פיס, ער האט זיך שנעל און אונרוהיג ארומגעקוקט. גוט, וואס ער האט זיך ניט אנגעשפּארט! . .

די נאכט איז געווען שווארץ און שטיל, גאר אהן א ווינד. פון ווייטען האבען געבילט הינט — דארטען איז געשטאנען א הייפעל נידעריגע, שווארצע, וואלענע געצעלטען פון בעדואינער. בייטאג האט ער זיי געזעהן. בײנאכט זעהט מען אויך ווי זיי שווארצען זיך— ווען די לבנה געהט ארויס. פון דער אנדערער זייט פון דער קאלאניע איז אויך פאראן א גאנצער לאגער פון אזעלכע בייד־לאך — אין זיי זיצען די „חרתין", די אראבישע ארבייטער פון די קאלאניסטען. אין א צוויי־דריי הויפען אין דער קאלאניע האבען זיך אויך צובילט די הינד. ענטפערנדיג זייערע בעדואינ'ישע ברידער. וועלוועלע הערט זיך צו אויפמערקזאם. זיינע געניטע אויערען דערקענען תיכף, אז דאס איז א בילען סתם, אהן א שום סבה. עס האט זיך זיי פערוואלט דורכבילען זיך, פשוט, כדי לאזען וויסען, אז זיי זיינען אויך דא אויף דער וועלט, אדער גלאט —

למאי יענע בילען! און טאקי — מען דארף דאך ווי עס איז פערטרייבען די צייט, פערוויילען די לאנגע נאכט... ווייט-ווייט, אין די ארומיגע בערג, זעהען זיך פלח׳ישע פייערלאך. די פלח׳ען היטען זייער תבואה. ביי זיי איז נאך ווייט ביז׳ן סוף פון דעם שניט. זיי האבען ניט אזעלכע שניד־מאשינען, ווי ביי די קאלא־ניסטען, דעריבער דויערט ביי זיי לענגער די ארבייט... די פייער-לאך וואקסען, ברענען זיך פונאנדער אין גרויסע פלאקערען, אין הויכע פלאמענדיגע זיילען — דער נאך צושיטען זיי זיך אין טויזענדער פינקען, לעשען זיך אויס און פערשווינדען. די שטע־בעלקעס מיט די דערנער מיט די טרוקענע גראזען, מיט וועלכע מען מאכט דעם פייער, פלאמען אויף גיך, אבער זיי האלטען ניט אן לאנג. דאן לויפען אוועק די קינדער, די שקצים׳לאך און שיקסעלאך, און קלויבען אן נייע קופעס פון ברען־שטאף, און דער פייער פלאקערט זיך פונאנדער פון דאס ניי...

אין קאלאניע זעהען זיך נאך אויך פייערלאך אין איינינע הייזער. באלד וועלען זיי ניט ווערען, אט איז איינער און אט איז נאך איינער אויסגעגאנגען. נאך א פאר פענסטער לויכטען זיך—ניט אויף לאנג! פונ׳ם ראג, וואו וועלוועלע שטעהט, ציהט זיך אראפ־צו א לאנגע, פינסטערע גאס. דאס איז די גאנצע קאלאניע. דעם צווייטען עק פון דער קאלאניע קאן מען אצונד ניט זעהן—קוים וואס מען זעהט די נאהענטסטע עטליכע הייזער. דארטען הייבט זיך אן דער שייער. דארטען געהען אצונד ארום קין און טאדרעסקא. וואו איז שיק? אפנים, ער איז אויך ארויס צום צווייטען ראג?.. מ׳דארף שוין טאקי געהן אונטער׳ן וואנד... דא, נעבען די הייזער, פיהלט מען זיך היימישער, ניט אזוי פער־ווארפען, ניט אזוי אפגעשניטען פון אלעמען. אין פאל עס טרעפט זיך עפעס, קאנען גלייך ארויסלויפען מענשען. און דאר־טען—דארטען דארף מען זיך פערלאזען נאר אויף זיך אליין—

מעהר אויף קיינעם. אויף זיך און אויפ'ן מזל!.. ס'איז מאדנע, אז די מענשען צו וועמען דאס אלץ געהערט, מעגען רוהיג שלאפען, ווייל אנדערע, פרעמדע, גדונגענע האבען זיך אונטער־גענומען, צו שטעלען אין סכנה דאס לעבען פאר זייער גוטס. פערשטעהט זיך, אז מען ארבייט בייטאג, קאן מען ניט וועכטעווען ביי דער נאכט. גאר אפילו ווען זיי זאלען ניט ארבייטען — צי־וואלטען זיי געוואגט פאר זייער אייגען גוטס, געהן איינציגווייז אליין, א היין, אונטער'ן וואנד, און ניט איין מאל דורכגעהן זיך, נאר, נאכט אין נאכט, און יעדע נאכט א סך מאל, כסדר, די גאנצע נאכט?... און די וואנד איז א שטומע, א הארטע, א פער־מויערטע— זי לאזט ניט דורך, ניט אויף צו אנטלויפען, ניט אויף קומען צו הילף... איין מאל האט ער געשאסען אונטער'ן וואנד אויף גנבים, פערטריבען זיי און אפגעיוארט ביז ס'איז געווארען גאר שטיל, און דאן, ווען ער איז אריין אין קאלאניע, האט ער געפונען דעם צווייטען וועכטער רוהיג זיצענדיג אויפ'ן ראג. יענער האט קיין זאך ניט געהערט. ס'איז געוועזן א ווינד...

וועלוועלע האט זיך א כאפ געטהון. ווי לאנג שטעהט ער שוין אזוי? ער האט געגעבען א קוק אויפ'ן הימעל, אויף די שטערען. ניין, דוקא, ניט אזוי לאנג, א מינוט צוואנציג, ניט מעהר. ער האט געמיינט צוויי שעה. ביינאכט לויפען די געדאנקען אזוי געשווינד!.. ער האט שוין געוואלט געהן, ווען ער האט דערהערט, אז מענשען רעדען. די קלאנגען האבען זיך דערנעהענ־טערט. וועלוועלע האט א טריט געטהון פארויס, ארויסגעבויגען אויף פארויס די אויבערשטע העלפט פונ'ם קערפער, און א ווייל־געבליבען אזוי, אהן בעוועגונג. דאכט זיך, יודישע קולות. ס'איז ארום די לבנה—א פולע לבנה. זי האט זיך געהייבען פון בארג שטיקלעכווייז, ווי אונטערשפרינגענדיג יעדעס מאל, ווי געבענדיג זיך א ריס, ביי יעדען הייב, פון אונגעזעהענע הענד, וואס

האבען זי געהאלטען דארטען פון אונטען, און ניט געוואלט אפלאזען. נאר אט האט זי זיך שוין איינגאנצען בעפרייט און — א געלע, א קיילעכדיגע, א שמייכעלנדיגע—ארויסגעכאפט זיך א שטיק איבער׳ן בארג. די געדיכטע שווארצקייט פון דער נאכט איז צוריסען געוואָרען, אפגעטראטען ווייט אויף הינטען. די לופט איז געווארען אנגעפיהלט מיט איהרע רעשטען, שטיקלאך פון איהר שווארצען מאנטעל, אפגעזונדערטע, בלאנדזשענדיגע, פינסטערע געשטאלטען...

וועלוועלע האט זיך געשטעלט צו דער וואנד, אין שאטען, און האט געווארט. אצונד וועלען יענע אנקומען בעלויכטענע פון דער לבנה.

עס האבען זיך בעוויזען דריי טונקעלע פיגורען. צווייען האט וועלוועלע באלד דערקענט נאך די שטימען: דאס זיינען געווען דער אפטייקער און דער נייער לעהרער. אבער צוזאמען מיט זייע׳ע שטימען האט געקלונגען א פרישע׳, יונגער, מיידעלשער קול, א פרעהליכער, מונטערער געלעכטער. וועלוועלע האט זיך פערוואונדערט און נאך מעהר פעראינטערעסירט. א נייע מיידעל אין קאלאניע? ווער איז עס? א פנים, זיי זיינען ארויס שפאצירען מיט׳ן וועג, בשעת ער איז געווען אונטער׳ן וואנד, און איצט קעהרען זיי זיך אום?.. זיי זיינען נאהענט פארבייגעגאנגען. וועלוועלע האט בעמערקט, אז דאס מיידעל איז פון מיטעלען וואוקס, א ריהרעוודיגס, א לאכעדיגס, מיט שווארצע האר, דאכט זיך. געהענדיג האט זי אזוי קאמיש איבערגעטראטען מיט די פיס, ווי זי וואלט זיך וויגען פון איין זייט אויף דער אנדערע, „ווי א קאטשקעלע״ — האט ביי זיך בעשטימט וועלוועלע. ער איז צוגעגאנגען געהענטער. דאס מיידעל האט זיך פלוצלונג אפגעשטעלט, אנכאפענדיג דעם לעהרער פאַר׳ן האנד.

—ווער איז דאס?—האט זי געפרעגט עטוואס דערשראקען,

קוקענדיג אויף די שווארצע, אונבעוועגליכע פיגור פונ׳ם וועכטער.

—מסתמא, דער וועכטער,—האט געזאגט דער לעהרער.—דער וועכטער? — האט ער איבערגעזאגט פרעגענדיג.

— דאס ביסטו, וועלוועל? שלום! — האט זיך א קעהר געגעבען צו איהם דער אפטייקער.

—שלום!

—שלום, וועכטער!—איז צוגעגאנגען צו איהם דאס מיידעל און דערלאנגט איהם די האנד.

די האנד איהרע איז געווען א קליינע, א ווייכע, א ווארימע, די פינגער קורצע, פולינקע. ער האט איינגאנצען ארומגענומען איהר הענטעל מיט זיין גרויסער מענערשער האנד, און האט זי ארויסגעלאזען אן א חשק. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז זי האט זיך אויך ניט געאיילט די האנד צונעהמען.

—שלום!

—דעם צווייטען מאל זאלט איהר אונז ניט היטען, ווען מיר געהן שפאצירען—איהר הערט?—האט זי איהם שטיפעריש אנגעזאגט.

ער האט געשוויגען, פערלוירען זיך.

— איהר הערט? — האט זי געפאדערט קאפריזנע.

—איך הער.

— נו... וועט איהר טהון?

ער האט זיך צולאכט.

— איין פראגע. ווען ניט היטען — ווען איהר וועט שפאצירען אין דרייען, אדער, ווען אין צווייען?

— ביידע מאל!

— און ווען איינע אליין?

— נו... כא-כא-כא... דאן—יא... דאן מעג מען... און זי איז אוועקגעלאפען.

וועלוועלע האט געמאכט א „דור". אויפ'ן צווייטען עק פון דער קאלאניע, האט ער ווידער ניט געטראפען שיקען. ער האט א פייף געטהון צו קינ'ען.

— וואס איז דאס, איך מייד זיך אלץ אוים מיט אלטער'ן? וואו איז ער?

— ער איז ערשט אוועק פון דאנען. ער האלט, או ס'איז שוין צייט צו עסען פריישטיק. ס'איז שוין ארום אייגס. וואס זאגט דיין געעהרטע מויל, וועגען עפעס נעהמען אין מויל?

— דאס איינענע... הער! ווער איז דאס נייע מיידעל — איך האב זי בענעגענט מיט'ן אפטייקער און לעהרער?

— אהא! שוין געשלאסען קאנטשאפט? נישטקשה, ס'איז כדאי... ס'איז דעם אלטען טעלערמאנ'ס א נייע טאכטער.

— וואס הייסט א „נייע טאכטער"? וואס פלוידערסטו?

— אט וואס דו הערסט. זיינע אלטע טעכטער זיינען פון דעם אלטען ווייב, צוזאמען מיט'ן נייעם ווייב האט ער בעקומען נאך א שפאגעל-נייע טאכטער.

— איז דאס, הייסט דאס, זיין שטיף־טאכטער? די, וואס האט געדארפט קומען פון רוסלאנד?

— הייסט דאס אזוי.

— נו, איך געה מאכען נאך א „דור". איך וועל זיך שוין איבען בעגעגענען מיט שיקען, און מיר וועלען קומען עסען פרישטיק.

שוין ביים סוף פון זיין „דור", האט וועלוועלע פלוצלונג דערהערט א שאס. ער איז ארויסגעלאפען, אריבערגעלאפען דעם וועג צו דער צווייטער וואנד. געוועהנליך, האט מען ניט גע־טארט פערלאזען דעם פאסטען, ווען מ'האט געהערט א שאס פון דער אנדערער זייט. די גנבים האבען שוין ניט איין מאל געמאכט דעם קונץ — געשאסען ביי איין וואנד ביז די וועכטער

זיינען זיך צונויפגעלאפען אויפ׳ן ארט פונ׳ם שיסעריי — און דאן האט א טייל פון זיי, וואס איז געלעגען בעהאלטען פון דער אנדערער זייט, רוהיג געמאכט די גנבה ביי דער אונבעוואכטער וואנד. איצט איז אבער די זאך ניט אזוי. ער האט ערשט געמאכט צוויי „דורען" ביי זיין וואנד און איבערצייגט זיך, אז קיין געפאהר איז ניטא, אלץ איז שטיל, אין ארדנונג. און ווידער איז דאך דארטען א נייער וועכטער, ניט קיין געניטער, וואס וועט זיך ניט וויסען ווי צו האלטען ביי אנ׳אנפאל.

וועלוועלען איז ניט אויסגעקומען וויט צו לויפען. טאקי באלד ביים ראג האט ער זיך בעגעגענט מיט שיקען.

— וואס איז געווען?

— א מענש ... דארטען געשארכעט ... הינטער דער סידרע ...

— אנטלאפען?

— דאכט זיך ...

וועלוועלע האט זיך שארף איינגעקוקט אין דער ברוינער ברייטקייט פונ׳ם פעלד. ביים ליכט פון דער פולער לבנה האט מען וויים געזעהן.

— קיינער איז ניט אנטלאפען! — האט ער געזאגט מיט א זיכערקייט. — מסתמא, קיינער ניט געווען אויך. קום צו די סידרעס! נעה פארויס! ..

שיק האט געקווענקעלט.

— געה שוין, נו!

שיק האט געגעבען א שפאן און באלד א רוק געטהון זיך אין דער זייט, ווי לאזענדיג דעם וועג וועלוועלען.

—מען געהט ניט אין סידרעס ... ווען דארטען ליגען גנבים ...

וועלוועלע האט נאהענט צוגעבראכט זיין פנים צום פנים פון זיין חבר. ער האט געזעהן פאר זיך א גרויסען, טאנצענ־

דיגען, בלייכען פלעק מיט צווי, וויס־בלאנקענדע קייקעלאך. ער האט זיך אפגעקערט מיט א ציטער און שווער אפגעאטעמט. ער האט געזאגט, ניט קוקענדיג אויף שיקען.

— ווייז אהער דאס געוועהר!

— צו וואס?

— ווייז אהער... איך געה אין די סידרעס.

— דו האסט דאך דיינס,— האט אינזיכער בעמערקט שיק, איבערגעבענדיג זיין רעוואלווער.

— איך האב!.. איך וויל ניט זאלסט מיך דערשיסען פון הינטען...

שיק האט זיך אינבעהאלפען נאכגעשלעפט נאך איהם. זיי זייגען פאר־זיכטיג ארומגעגאנגען די נאהענטע סידרעס, דערנאך די וייטערע. ערטערווייז האבען זיי זיך צוגעבויגען און כמעט געקראכען אויף דער ערד. וועלוועלע האט די גאנצע צייט געהאל־טען זיין „נאגאן" אין דער האנד, גרייט צו אלץ. נאר אין ערגיץ האבען זיי ניט געפיהלט קיין שפורען פון עפעס פערדעכטיגעס.

— נו, מיר מעגען שוין געהן עסען פריהשטיק, — האט געזאגט וועלוועלע מיט פע־אכטונג שטופענדיג שיקען אין די הענד זיין רעוואלווער־.

זיי זיינען געגאנגען דורך דער קאלאניע. פון איינגע טירען האבען זיך ארויסגעקוקט קעפ, ס'האבען זיך געוויסט העמדער.

— וואס איז געשעהן?

— גארנישט... גנבים! — האט כמורנע געענטפערט וועלוועלע.

אויף א גאנעק זיינען געשטאנען אנ'אלטער, הויכער קא־לאניסט, מיט א ברייטער, גרויער בארד, און זיינע דריי זין, דער־וואקסענע, געזונדע, אלע מיט ביקסען, די פלעגען שטענדיג ארויסלויפען די ערשטע בשעת א סכנה.

— וואס האט זיך געטראפען?—זיינען זיי צו צו די וועכטער. יענע האבען זיך ניט אפגעשטעלט.

—גנבים... שוין אנטלאפען ... ס'איז גארנישט.

ווען זיי זיינען געבליבען אליין, האט וועלוועלע שטיל א זאג געטהון צו זיין חבר:

—זאלסט מעהר ניט שיסען—הערסט!

שיק איז געווארען אנ'אויפגעקאכטער.

—פון וואנען ווייסטו? דו ביסט שוין טאקי זיכער, אז ס'איז קיינער ניט געווען?

—יא, איך בין זיכער,—האט קאלט געענטפערט וועלוועלע.— און איך זאג דיר אן דאס לעצטע מאל: זאלסט ניט שיסען!

קין איז געבליבען עסען אויפ'ן שייער. ס'איז געקומען נאר טאדרעסקא.ביידע האבען ניט געטארט פערלאזען דעם שייער פאר איינמאל.

זיי האבען געגעסען שווייגענדיג. פון דער זייט פונ'ם וועג האט זיך בעוויזען א מענשליכע פיגור. וועלוועלע האט זיך א הייב געטהון.

—ווער איז?

דער מענש איז צוגעקימען נעהענטער. דאס איז געווען א יונגער קאלאניסט. ער האט געהאט אויף זיך נאר א העמד — א לאנגע, אראבישע שלאף־העמד. הינטער די פלייצעס איז ביי איהם געהייגען א ביקס.

—וואו איז, שלמה,— וואו געהט איהר אין איין העמד— מיט א ביקס?

—אויפ'ן שייער... — עס האט איהם פלוצלונג א ריס געטהון פאר אויפרעגונג.—איך וועל איהם שוין אפווארטען!.. איינער דא פארהאן... גנב'עט ביי מיר ווייץ... א גוטער ברודער!.. איך ווייס איהם שוין—ווער דאס איז! לא'מיך איהם

נאר פאקען !.. איך וועל איהם דערשיסען ווי א הונד !.. —
און ער איז אוועק מיט נערוועזע, איילענדיגע טריט.

—מ'דארף איהם נאכגעהן ? — האט פרעגענדיג בעמערקט שיק.

וועלוועלע האט א ברום געטהון בייז :

— זיך ! וואס איז אונזער עסק ? ס'איז די קאלאניסטען צווישען זיך. זאלען זיי זיך אראפרייסען די קעפ איינע די אנדערע !

זיי האבען געענדיגט עסען. וועלוועלע האט זיך כמורנע א קעהר געטהון צו טאדרעסקא'ן :

—הער ! וועסט זאגען קינ'ען. זאל ער וויסען. צווישען די קאלאניסטען זיינען טאקי פארהאן געגוג, וואס גנב'ענען איינער ביים צווייטען... ניט דאס ערשטע מאל !.. איהר דארפט דארטען אכטונג געבען... פאר זייערע גנבות זיינען מיר אויך פעראנטווארטליך.

שיק האט פערדרויכערט, אויסגעשפיגן, אפגעהוסט זיך—ער האט געוואלט עפעס פרעגען.

—וועלוועלע, הער !.. א וועכטער קאן זיך קיינמאל ניט אויסהיטען פון א קויל... אונטער'ן וואנד ?

—ווי אזוי—אויסהיטען ?

—כ'מיין, ווען מען פערלעגט זיך אויף איהם... ווען מען לויערט אויף איהם... די גנבים ? מ'בעהאלט זיך, למשל, אונטער א סידרע און מ'וויל איהם שיסען... קאן ער דען וויסען ? און ווי קאן ער זיך אויסהיטען ?

—מ'שיסט נישט. דער אראבער געהט גנב'ענען — ניט הרג'ענען, צו וואס וועט ער שיסען ?

—אבער, אויב א נקמה, א בלוט־נקמה... וואס ער וויל טאקי הרג'ענען ? פערלעגען זיך קאן מען גרינג... ווי קאן דער

וועכטער וויסען?

וועלוועלע האט ניט פערשטאנען. ער האט געענטפערט:

—טאקי? ס'איז ניט אזוי גרינג. דער גנב מיינט, אז דער וועכטער זעהט איהם, גלייך ווי דער וועכטער מיינט, אז דער גנב זעהט איהם... יעדערער האט מורא פאר'ן צווייטען... אבער דער וועכטער מוז געהן אונטער'ן וואנד... געהט ער. און דער גנב האט מורא דערנעהענטערען זיך... דער עיקר, מ'דארף געהן, מ'דארף מאכען די „דורען"—דעמאלט קאנען קיינמאל ניט זיין קיין גנבות.

—אבער, אז ער געהט אויף הרג'ענען... ער דארף גאר ניט נאהענט... פון דער ווייטען פון הינטער א סידרע אויסשיסען...—האט שיק אליך ג'עטענה'ט זיינס.

—ניין, צו וואס זאל עיד אם טהון? צו וואס זאל ער סתם הרג'ענען א מענשען? ער איז דאך אויך א מענש!—האט זיך אפגערופען טאדרעסקא אין א בעזונדערען, בעטענדיגען טאן, ווי ער וואלט איינגערעדט עמיצען—זיך אדער יענעם אונבעקאנטען, בעהאלטענעם נאכט־פינד.— ער ווייסט דען ניט, אז מיר זיינען נאר ארבייטער? מיר טהוען נאר, וואס עס פאדערט זיך פון אונז. מיר ווילען איהם דאך ניט אומישטען טהון שלעכטס. ער איז אויך אזא מענש, ווי מיר. ער פיהלט דאס. וואס, ניט אזוי?

ער האט געקוקט אויף וועלוועלען, ווארטענדיג א בעשטעטיגונג. וועלוועלע האט א שמייכעל געטהון.

— ביסט שוין געווארען א גוטער, טאדרעסקא? אבער, ס'איז אומזיסט. דער אראבער ווייסט ניט פון דעם. און וואס דו האסט צו'מזיק'ט אחמד'קען עהערנעכטען פארנאכט — זארג זיך ניט — דאס ווייסט ער. אגב... זאלסט וויסען... וואס ביסטו אויף איהם ארויפגעפאלען ווי א ווילדע חיה? ס'איז דאך דאן ערשט געווארען טונקעל... אין אווענד, ביינאכט לאזט מען

זיך זיי ניט אומדרעהען אין דרויסען, גיט מען א בעגראב...
פארנאכט איז געגוג, אז מ'טרייבט דורך. סיידען ער שטעלט זיך... גו, דאן זיינען אנדערע ווערטער... און וואס דו זאגסט „ער פיהלט"—פיהלט ער טאקי און ווייסט גאנץ גוט, וואס מיר זיינען פאר איהם... מיר וואלטען שוין געהאט א שעהן פנים, ווען מיר וואלטען גערארפט לעבען מיט זיין גנאָד... און אויסהיטען זיך קאן מען טאקי ניט... ניין! ווען איינער וויל דוקא נעהמען בלוט— וועט ער נעהמען... פון א ז א קויל קאן זיך דער וועכטער ניט אויסהיטען... און היט זיך ניט דערפאר... ער טהוט זיינס... ער געהט זיין וועג אונטער'ן וואנד... ו ו י ס ע נ ד י ג', אפילו, געהט ער... אנדערש קאן ניט זיין די וואך... אזוי איז דאס... דער אמת...

ווען טאדרעסקא איז אוועקגעגאנגען, האט וועלוועלע גע־זאגט צו שיקען.

— ווייסט, שיק, דו דארפסט דאס אוועקווארפען... קאנסט זיך זיין א בוכהאלטער אין יפו, און האלטען דארטען רעדעס אין קלוב וועגען וועלכע אידעאלען דו ווילסט— נאר פאר קיין וועכטער טויגסטו נים.

שיק האט זיך בעליידיגט א הייב געטהון. ער האט אזוי פיעל געטרוימט וועגען וואך אין ארץ־ישראל נאך דארטען, אין טשערנאוויץ, נאך זייענדיג א תלמיד אין דער קאמערץ־שולע. ער האט זיך אפגעזאגט פון א גוטער שטעלע, וואס מען האט איהם פארגעלעגט, גלייך ווי ער האט געענדיגט די שולע. ער האט רק געוואלט זיין א וועכטער!.. ער האט אויסגערופען מיט א יאוש'דיגען כעס:

— און וואס... דו ביסט נאר דער גבור? מיינסט, וואס איך בין ניט געגאנגען דארטען פארויס צו די סידרעס— האב איך מורא? איך וואלט געוואלט זעהן, ווי דו האסט זיך געהאל־

טען דאס ערשטע מאל?

— ווי איך האב זיך געהאלטען — אבער, ניט ווי דו... ניט פון מורא רעד איך... אלע האבען מורא... איך האב אויך מורא, ווייסטו דאס? נאר דו וועסט ניט אויסהאלטען.. מיר האלטען אויס, פערשטעהסטו דאס?.. און דו וועסט ניט אויסהאלטען...

די פאלגענדע נאכט האט שיק ווידער געשאסען, אבער שוין ניט איין מאל. ער איז געלאפען און געשאסען ארום זיך, גע־לאפען און געשאסען. וועלוועלע איז גלייך אנגעקומען. שיק האט זיך געגעבען א שטעל אפ און אנגעשטעלט אויף איהם דעם רעוואלווער.

— שים ניט! דאס בין איך!.. איך!.. וועלוועל!..— האט ער געשריען, אינסטינקטיוו ווארפענדיג זיך צום וואנד.

ס'האט דורכגעדונערט א שאס. פון ווייטען האט זיך אפגעריסען א מאדנעם אויסגעשריי, ווי אנ'אפקלאנג פונ'ם שאס. די קויל האט א זעץ געטהון נעבען וועלוועל'ס קאפ אין וואנד אריין. שיק איז געבליבען שטעהן אויף זיין ארט. קוקענדיג ארום זיך ווילד און צוטומעלט, דרעהענדיג דעם רעוואלווער אין האנד. וועלוועלע האט עפעס משונה'דיג אקרעכצע געטהון און, מיט'ן קאפ פארויס, א שפרונג געטהון צו שיקען. ער האט איהם אנגעכאפט פאר'ן האנד, אזוי אז יענער האט א כליפע געטהון פאר ווערהטיג, און ארויסגעלאזען דאס געוועהר. וועלוועלע האט איהם אפגע־שטופט און אויפגעהייבען דעם רעוואלווער.

—געה!—האט ער געזאגט קורץ.—געה שלאפען!.. און מעגסט וויסען: ס'איז דיין גליק, וואס דו האסט מיך ניט גע־טראפען... קין וואלט דיך דערשאסען אויפ'ן ארט... מעגסט גומל בענשען!

שיק איז אוועק, ניט רעדענדיג קיין ווארט.

פון פעלד האט זיך בעוויזען א מענש. ער איז צוגעקומען מיט גיכע טריט. דאס איז געווען קין.

— דו האסט דאס א געשריי געטהון? — האט איהם געפרעגט וועלוועלע.

— כ'האב געמיינט, ער האט דיך דערשאסען, דער משור־ג׳ע'נער!.. און איבער מיר זיינען דאס געפלויגען קוילען!..

— וויפיעל קוילען האט ער ארויסגעלאזען?

— פינף. איינע אין דיר, דריי אין מיר, און איינע סתם, אין דער וועלט אריין... איך האב גוט געטהון, וואס איך האב זיך פערלעגט אונטער א בערגעל... פערשטעהסט? איך האב צוערשט אונטערגעפייפט... אזוי שטיל-שטיל, ווי מ'דארף... זעה איך, מייגער ווערט שוין משוגע פאר שרעק, שפארט זיך צום וואנד, רוקט זיך אוועק, רייבענדיג די וואנד מיט'ן הינטען, וויל גאר מאכען די פליטה... א, זאג איך, אזוי גאר, — און בין איהם מכבד מיט א שטיינדעל אין פופיק אריין... א קליין שטיינדעל,.. א שפילעכעל.. נו, האסט דאך געזעהן, וואס איז געווארען...

ד.

אלטער שיק האט פערלאזען די וואך. אויף זיין ארט איז געקומען איינער ימיני — א יונגער בחור אין א רוסיש העמדעל מיט א טוזשורקע פון אויבען. ער האט געהאט טונקעל, גלאטע האר און ליכטיגע אויגען, וואס האבען מיט א קאלטער חוצפה געזשמורעט זיך אויף אלץ.

ימיני האט זיך זעהר שנעל אריענטירט אויפ'ן נייעם ארט, און געווארען היימיש. דעם ערשטען טאג איז ער געשלאפען אויף דער ערד, אויף זיין פאלערינע, מיט דער טוזשורקע צוקאפענס, אבער באלד ווי שיק איז אוועקגעפאהרען, האט ער זיך איבער־

געקליבען אויף זיין געלעגער.

—הער, דו... שיסער... וואס קריכסטו אויפ'ן בעטעל?— האט אויסגערופען קין.

ימיני האט, אהן איילעניש, אויסגעשפרייט די קאלדרע, אויסגעצויגען זיך אויפ'ן בעטעל, און דאן ערשט געגעבען זיך א קעהר צו קינען:

— וואס, ס'איז דיינס?

— און אז ניט מיינס? משמעות, מיינס ווילסטו מיר אי־בער לאזען און זיך נאר דאס רעשט געהמען? ס'איז זעהר וואויל פון דיין זייט, כ'זעה, דו האסט גאנץ לאנגע פערלאנגען, אבי די הענטעלאך זאלען ניט זיין צו קורץ.

— ס'איז דאך שיק'ס ארט.

— ער האט דיך געמאכט פאר א יורש?

— אַי, מאך זיך ניט נאריש!.. וואס האקסטו אין טשאי־ניק!.. כ'בין געקומען אויף שיק'ס ארט פערנעהם איך זיין ארט. ווי דען אנדערש?

— זעה, זאלסט ניט האבען זיין מזל.

—נו... יעדער איינער האט זיין אייגענעם מזל.

— אזוי? א וועלכער איז ביי דיר?

ימיני האט א פיהר געטהון מיט די אויגען, אין וועלכע ס'איז דורכגעלאפען א לאכעדיג פייערעל.

— א ציגיינערין אנ'אלטע האט מיר געזאגט, אז כ'וועל ניט שטאַרבען קיין בחור... דערפאר האב איך אזוי מורא פאר ווייבער...

— אזוי מורא האסטו?

— אויף מיינע נאמנות!.. כ'זעה א מיידעל ווער איך א פערציטערטער... וואס מיינט איהר בין איך געקומען קיין ארץ ישראל? אלץ די אייגענע סבה... צוויי מיידלאך האבען זיך

מיר געהאנגען אויפ'ן האלז... דארטען, אין דער היים. זעה איך אז ס'איז שלעכט... כאטש נעהם און טהו זיך אן א מעשה... האב איך געמאכט פיס... אזוי מוז איך זיך שוין פלאגען.

— אזא פויגעל ביסטו? זעהר אנגענומען.

ימיני האט כיטרע א מאַך געטהון מיט די אויגען, א כראקע געטהון, און גענומען צוזינגען אונטער'ן נאז א סיבירישׁ לידעל.

גאָוואָרילאַ מינע מאַט
ניע וואָדים ס'וואָראַמי"...

— ס'איז פון סיביר, — האט ער א וואַרף געטהון גלייכ־גילטיג, קוקענדיג פון דער קרום, וואס פאר אנ'איינדרוק דאס וועט מאכען.

— ביסט שוין דארטען אויך געווען? ווי קומסטו אהין? האט זיך פערוואונדערט טאדרעסקא.

ימיני האט געגעבען א קנויטש מיט די פלייצעס, קוקענ־דיג אויף איהם מיט מיטלייד, ווי אויף איינעם, וואס הייבט ניט אן צו פערשטעהן, וואס הייסט קאנספיראציע.

— טאדרעסקא! שטעל זיך אויף! איך וועל דיר ווייזען א קונץ, — ער האט א ווינק געטהון מיט די אויגען צו דער איבעריגער חברה, ווי זאגענדיג — „מיר פערשטעהן דאך איינע די אנדערע".

— וואס? — האט זיך טאדרעסקא אויפגעזעצט ניט טרויענדיג.

— ניין, שטעל זיך! כ'מיין ערנסט.

— שטעל זיך, נאר! — האבען איהם אונטערגעהעצט קין און וועלוועלע. — וואס האסטו מורא?

טאדרעסקא האט זיך געגעבען א קראץ דעם נאקען. ער האט געזעהן, אז מען לאכט פון איהם. ער האט אבער ליב געהאט קונ־צען. ער האט זיך אויסגעקראצט און געשטעלט אויף די פיס. ימיני

האט איהם מיט אנ'ערסטער מינע ארומגעקוקט:

—נו, אזוי גוט. איצטער זאג: וואו איז דיין רעכטע פוס?

—כאָ-כאָ-כאָ! — האט חברה אונטערגעהאלטען. — זאג, טאדרעסקא!.. פערשעם אונז נישט!.. בעוויז, וואס דו קאנסט!

—טשעפעט זיך אפ!—איז געווארען טאדרעסקא אין כעס.

—האר אוים!—האט געלאסען געזאגט ימיני.—היץ זיך ניט! אויף מיין ווארט, איך וויל דיר בעווייזען א קונץ. אהן שפאס—לעג ארויף די רעכטע פוס אויפ'ן בענקעל!

—ליגסט שוין גוט אין דר'ערד,— האט זיך אפגערופען חברה.—ניט די איז די רעכטע!.. יענע!.. ניין, די אנדערע!.. א-הא-הא!

טאדרעסקא, א רויטער, א בייזער, מיט אראפגעלאזענע אויגען, האט, ניט קוקענדיג אויף קיינעם, ארויפגעלעגט די רעכטע פוס אויפ'ן בענקעל.

—גוט! איצטער נעהם אראפ די און לעג ארויף די לינקע!— האט "געקאמאנדאוועט" ימיני.

טאדרעסקא האט געהארכזאם ערפילט דעם בעפעהל.

—גוט! איצטער נעהם אראפ! גוט. איצטער הייב ארויףביידע!

טאדרעסקא האט מעכאניש געפרובט א הייב טהון ביידע פיס מיטאמאל, און האט זיך ארומגעקוקט מיט א פערלוירענעם שמייכעל.

—הא-הא-הא!.. הא-הא! — האט זיך פונאנדערגעלאכט חברה.—ווי געפעלט דיר דער קונץ, טאדרעסקא?

—א חכמה! ס'איז גאר קיין קונץ ניט!—האט געבורטשעט טאדרעסקא, לעגענדיג זיך צוריק אויף זיין געלעגער.

ימיני האט מיט זעלבסטצופרידענקייט געקוקט אויף דער סטעליע. א ווײלע האט ער געשוויגען, דערנאך האט ער מודיע

געוועז:

—איך מיין ניט לאנג בלייבען א וועכטער. איך געה נאר אויף פראקטיק. וואס איז א פוסגעהער! איך וויל זיין א „חיל", א רייטער.

—נו, וואס איז די מניעה? שרייב אן א „פראשעניע" צום „בער"... א שקאפע קאסט ניט טייער... פאר א צוואנציג, פינף און צוואנציג לירעס, קאנסטו קריגען ניט קיין שלעכטע שקאפע... ווייסטו שוין ביי וועלכער זייט מ׳הענגט צו דעם עק צו דער שקאפע?

—כ׳וועל זיך ביי דיר לערנען... ווייסטו? כ׳וועל שרייבען דעם טאטען, אז איך דארף זיך שטרענג קורירען פון קדחת. זאל ער מיר צושיקען א צוואנציג לירעס—ווען ניט, בין איך קאפוט... נישטקשה, ער מעג זיך פונאנדערבייטלען, דער אלטער...

—נו, וואס ווערסטו זאגען אויף דעם נפש?—האט ווועלוועלע

געגעבען א פרעג קינען, ווען זיי זיינען געוועזען אליין, אין הויף.

—א בערימער... און אפשר נאך עפעס:.. ס׳איז א צאצע.

אין אווענד זיינען די צוויי קאלאניע-וועכטער געזעסען אויפ׳ן קרייץ, אויף זייער שטענדיגען ארט. זיי זיינען ערשט געקומען פון א „דור", און אצונד אפגערוהט זיך אויף די שטיינער. ס׳איז פאר-ביינעגאנגען דאס נייע מיידעל, נחמה, דאס „קאטשקעלע", ווי וועלוועלע האט איהר א נאמען געגעבען — מיט׳ן אפטייקער און לעהרער. וועלוועלע האט מעהר ניט גערעדט מיט איהר זינד יענעם ערשטען מאל. ער האט זי בעגעגענט א פאר מאל אין גאס—נאר זי האט איהם ניט דערקאנט, אדער ניט אינטערעסירט צו זיין מיט איהם בעקאנט. און ער האט זי אויך ניט בעגריסט, ניט אפגעשטעלט, וויל—וואס וועט ער איהר זאגען? און אפשר וואלט ער געפונען וואס צו רעדען מיט איהר, ווען ער זאל פריהער וויסען, אז ער וועט זיך מיט איהר בעגעגענען, אדער ווען זי זאל זיך אפשטעלען אין

גאס, גלאט אזוי, פערקוקען זיך אויף עפעס. נאר ער טרעפט זי אלעמאל אזוי אונערוואַרטעט, און זי געהט זיך אזוי גלייך איהר וועג איבערטרעטענדיג מיט די קליינע פיסלאך, און וויגענדיג זיך ווי א קאטשקעלע . . . בעזונדער האט ער ליב צו זעהן איהר גאנג . . . ווי א קינד, וואס האט זיך ערשט אויסגעלערנט צו געהן, און שטעהט נאך ניט שטייף אויף די פיס . . . און זי קוקט אזוי זארגלאז און גלעט מיט איהרע בלויע אויגען די קרומע שטיבלאך מיט די רויטע דעכער, דעם ווייטען, קלארען הימעל און די ברודיגע שטיינער פון דער גאס . . . וואס זי טרעט אויף זיי אזוי פארזיכטיג . . . אלץ גלעטען איהרע אויגען . . . זי טראגט א דינע, ראזאווע קלייד, אזא לייכטע און לופטיגע, אהן א קאפטעל, איין קלייד פונ'ם האלז ביז דער ערד—זוי א לאנגע העמד. ביי איהר זיינען קליינע, ראזאווע אויערען און ראזאווע ליפעלאך . . . און זי דארף זיין אלט קוים זעכצען-זיבעצען . . .

—הערסטו, ביי אייך זיינען דאך נאך דא מיידלאך חוץ יענע בריאות, וואס איך האב ביז אהער געזעהן,—האט פערוואונדערט אויסגערופען ימיני.

—א ניט, קענסטו שוין אלעמען ?

—וואס דען, ניט ? אט הער—וועל איך דיר זיי אויסרעכענען : מיטעלמאנ'ס צוויי טעכטער—איינע מיט א גראבער ליפ, די אנדערע, די יאכנע, האט א נאז, ווי א בולבע, טעפער'ס הויקער מיט די בלויע ליפעלאך—א מחיה א קוק צו טהון, שטומער'ס דריי פרות ארומות, נאך איינע איז פאראן הויך ווי א דעמב, און דאס פנים ווי א בוראק, די קראנקענשוועסטער, וואס מ'קאן זי פערקויפען אויף שמאלץ . . .

—אָהאָ !—האט זיך אמת גע'חידוש'ט וועלוועלע.—ווען ביסטו דאס אלץ דערגאנגען ?

—וואס ארט דיך ! איך וויים שוין וואס איך האב צו טהון . . . ווייסט ? און אראבקעס זיינען דא דוקא פאראן ניט קיין מיאוסע.

ווי ביסטו זיך נוהג ?

— וואס—נוהג ?

—יאָלד. אנטקעגען די אראבקעס מיין איך... מען דארף דיר נאך צולעגען אויף טעלערלאך ?

—ניטא דא אזעלכע אראבקעס.

—כא־כא־כא ! האסט מורא איך וועל ביי דיר אויסכאפען ? נאר ! איך וועל דיר צו יעדער צייט קריגען נאך א שעהנערע... איך שטעל זיך פאר וואס דו האסט אויסגעקליבען פאר אנ'אלטע שמאָכטע !

—טשעפע זיך אפ ! איך וויים ניט פון קיין אראבקעס. זאג איך דיר.

ימיני האט איהם א ווײלע אנגעקוקט מיט אונצוטרוי. דער־נאך האט ער א פאטש געטהון מיט די הענד פאר התפעלות.

—וועלוועל, וואס געוועט, אז דו האסט נאך אויף דיין לעבען קיין מיידעל ניט געקושט !

וועלוועל איז געווארען שטארק רויט. דער חבר האט גע־זאגט אנ'אמת. ער האט עפעם א בורטשע געטהון אונטער'ן נאז און גענומען דרעהען א פאפיראס.

—ע, ביסט דאך גאר א צדיק... הער, זאלסט וויסען א כלל: אלע מיידלאך האבען זיך ליב צו קושען...אלע ! נאך פון צוועלף יאהר אן ! מ'דארף נאר קיין מורא ניט האבען... ווי ביי דער וואך... און וואס ביסטו פאר א וועכטער, אז דו האסט מורא פאר א קוש ? כא־כא־כא !

זיי זיינען אוועק מאכען א „דור״ — יעדערער צו זיין וואנד, באלד ווי וועלוועלע האט זיך פעררעהט הינטער'ן ראג האט ער, ווי אראפגעטרייסעלט פון זיך ימיני'ס רייד. דער חברה'מאן איז איהם גאר ניט געפעלען געווארען, א פוסטער יונג ! עפעס מאדנע שלעק קומען אן די לעצטע צייט. ד ע ר איז נאך גוט,

וואס ער רעדט ניט פון קיין „קרבן". די „קרבנות" — מיט זיי, ווען מ'האט צו טהון — כאפט גאר אן אנ'איבעל. נאר מילא, בעסערע אדער ערגערע מענשען — די ארבייט מוז געטהון ווערען, ווי יענער ארבייטער האט געזאגט. אבער מ'טהוט זי שוין ניט אזוי ווי פריהער. ער אליין אפילו... אמאל פלעגט ער געהן אונטער'ן וואנד פרעהליך און מונטער, ווי איינער וואס געהט פרייוויליג אין קאמף... און איצטער איז איהם אלץ איינס, ער טהוט נאר זיין ארבייט. ער זוכט ניט מעהר קיין „צופאלען". ער שטעהט ניט אונטער'ן וואנד לאנגע, לאנגע מינוטען, צוהערענדיג זיך, טאמער וועט זיך עפעס מאכען, ער ווארט ניט אויף קיין זאך. טרעפט זיך עפעס — פילט ער אויס זיין חוב. און אז ניט — ארט איהם אויך ווייניג. עפעס א מידקייט כאפט איהם אן, עפעס פערלירט ער דעם אינטערעס צו אלץ, אפשר איז דאס פון קדחת? א מין אפגעשוואכטקייט? ער וואלט וועלען זיין אין אנדערע לענדער, אוועקפאהרען ערגיץ זעהר ווייט—אין אינדיע, און דארטען ווערען א סאלדאט אדער א יעגער, פאר־וואס זאל ער דאס ניט קאנען טהון? ער וואלט געווארען א יעגער אויף לייבען און אויף טיגערס. וואס איז דאס שרעקליכער ווי האבען צו טהון מיט ווילדע בעדואינער, און מיט רויבער, וואס בעהאלטען זיך הינטער די סידרעס? גאר פער־קעהרט! א מענש איז שטענדיג געפעהרליכער פאר א חיה... אדער ער וואלט געוואלט זיין א קאלאניסט פאר זיך. ער וואלט געהאט אנ'אייגען הייזעל, א גאנצען טאג וואלט ער געווען אויף דער ארבייט, אין פעלד אדער אויפ'ן שייער, און פארנאכט וואלט ער געגאנגען אהיים, און זי וואלט איהם בעגעגענט. ער וואלט אריין אין שטוב, און גענומען זי אויף די הענד און גע־קושט אין די ראזאווע ליפעלאך... און זי וואלט געלאכט ביי איהם אויף די הענד... ער האט נאך קיינמאל ניט געקושט

קיין מיידלאך ... פארוואס האט ער נאך קיינמאל ניט געקושט קיין מיידלאך ? אפשר ווילען זיי זיך קושען, אבער, אליץ מיט אנדערע ... מיט איהם ניט ... אבער דעמאלט וואלט זי זיך שוין געוואלט מיט איהם קושען, און דערנאך וואלט ער זיך רוהיג געלעגט שלאפען, און געשלאפען א גאנצע נאכט ... ער וואלט ניט גערארפט געהן אונטער'ן וואנד ... ניט גערארפט? גאר ניט געהן ? — וועלוועלע האט זיך דערגעהענ'טערט צו דער וואנד, און א פיהר געטהון מיט דער האנד איבער די הארטע גע־גריבעלטע שטיינער. — ניין, ער וואלט דאן אויך געגאנגען ווען עס איז ... פון צייט צו צייט ...

קומענדיג פונ'ם „דור", האט וועלוועלע שוין געטראפען דעם חבר אויפ'ן ראג, זיצענדיג אויפ'ן שטיין, נעבען איהם איז גע־שטאנען נחמה. ער האט איהר אויסגעדערצעהלט זיין גאנצען לעבען, גערעדט האט ער ווייך און ערנסט — גאר א „אינטע־ליגענט". נאך אין פינפטען קלאס גימנאזיע ווען ער איז געווען, איז ער געווארען „לויט זיינע איבערצייגונגען" אנ'„עס־ער". אין זי־בעטען קלאס איז ער פערמישט געווארען אין אנ'ערנסטע „גע־שיכטע". וואס האט געשמעקט מיט תליה. זיין פאטער, אבער, איז אנ'אנגעזעהענע פערזאן, א געלד־זאק, כע־בע־בע ...: און א גוטער ברודער מיט'ן פראקוראר. האט ער גע'פועלט מען זאל איהם צומשפט'ען נאר קאטארגע...

וועלוועלע האט בייז געקוקט אויפ'ן חבר. פארוואס הערט זי איהם אזוי נייגיריג, זי פערשטעהט דען ניט, אז ס'איז אליץ א ליגען, אז וואס ער רעדט היינט איז דאס נאר כדי מארגען פרובען זי קושען? איהם האט זיך געוואלט זאגען איהר דאס. נאר אנשטאט דעם האט ער בעמערקט:

— היינט זייד איהר אליין, זעה איך? היינט דארף איך אייך היטען ... איהר געדענקט ?

זי האט אויף איהם פריינדליך א קוק געטהון.

—א, דאס זייד איהר? איך האב אייך גאר ניט דערקענט.

און באלד האט זי זיך צוריק אפגעקעהרט צו ימיני'ן:

— און דערנאך? דערצעהלט!

וועלוועלע האט זיך כמורנע אנידערגעזעצט. וואס וועט יענער נאך אנבאקען? אבער ימיני האט שוין געהאט גרייטס. פער־שטעהט זיך, אז ער איז אנטלאפען, נאך פון וועג איז ער אנט־לאפען, דער קאָנוואָי איז געשטאנען אין דרויסען פון די וואגא־נעס — ס'איז געווען נאך טשעליאבינסק, שוין אויף סיבירער באדען — האבען זיי, דריי „פאליטיקער", אויפגעריסען די ברעטער פון דער פאדלאגע, און אראפגעלאזען זיך אונטען, איינער נאכ'ן אנדער'ן. איינער פון זיי איז דער'הרג'עט געווארען, דעם צווייטען האט איבערגעשניטען א פוס, און נאר ער, ימיני, איז ארויס גאנץ. דאס איז ווייל ער האט פריהער בעטראכט, ווי אזוי אראפצו־לאזען זיך און אוועקלעגען זיך, אז די באהן זאל איהם ניט שעדיגען... דערנאך איז ער זיך אויפגעשטאנען און אוועקגע־גאנגען רוהיג.

— און מ'האט אייך גאר ניט נאכגעיאגט?

— אָהאָ! נאך א מין נאכגעיאגט! איין מאל בין איך אפגעלעגען אין א הויל, ניט געגעסען, ניט געטרונקען, דריי מעת לעת — ניט געקאנט ארויסגעהען, איבער די סאלדאטען וואס האבען מיך ארומגעזוכט.

— מ'דארף שוין געהן — האט וועלוועלע געזאגט שטרענג.

— ע, זייַ נאך. מיר זיינען דאך ערשט געקומען.

— ניין, שוין צייט. מ'דארף מאכען א „דורי".

שפעט ביינאכט האט וועלוועלע געט־ראפען ימיני'ן נעבען דעם אפטייקער'ס הויז.

— וואס טהוסטו דא?

— שש, הער! די קראנקענשוועסטער איז אריין צום אפטייקער.

— נו, איז וואס?

— שש! זיי האבען ערשט פערלאשען די לאמפ.

וועלוועלע האט זיך צולאכט. איהם איז מיט אמאל עפעס קלאר געווארען. ער האט שוין אליין אויך א פאר מאל בעמערקט ווי זי געהט אריין צום אפטייקער אין אווענד. ער האט נאר ניט געזעהן ווען זי געהט אוועק.

—און אפשר איז זי שוין אוועק? —האט ער געפרעגט מיט א ספק.

—נעה!.. איך שטעה די גאנצע צייט און היט... איך וועל דיר שוין זאגען גענוי ווען זי געהט אוועק.

און פארטאג האט ער מודיע געווען וועלוועלען:

—זי איז שוין אוועק... מיט א האלבע שעה פריהער.

וועלוועלען האט ווידער אנגעכאפט א פיבער. א פאר טאג איז ער געלעגען אין שטארקע היץ. דער נאך איז די היץ אראפ, און ער איז געבליבען אנ'אפגעשוואכטער, אהן כח, אהן פערלאנגען. אין אווענד איז פלוצלונג געקומען איהם געוואהר ווערען דאס „קאטשקעלע". זי האט געלאכט:

—וואס וועט איהר טהון, אז איצטער וועט זיך טרעפען אנ'אנפאל?

ער האט פערשעמט געקוקט אויף זיך, באמת, צו וואס טויג ער איצט? קוים וואס ער ריהרט מיט די הענד.

—אוי, איהר זייד אזוי בלייך געווארען פאר די טעג. ס'איז זעהר טהוט־וועה—ווען מען פיבערט?

—ניין, נאר דער קאפ...

זי האט זיך געזעצט נעבען איהם אויף א בענקעל. ער האט מיט א פריידיג-שעמעדיגען שמייכעל געקוקט איהר אין די אויגען.

—זאגט מיר... איהר וועט ניט זיין אין כעס אויף מיר, וואס איך פרעג?— זי האט שטיפעריש-בעטענדיג געגעבען א קוק אויף איהם. זי האט געזעהן, אז ער קאן אויף איהר ניט זיין אין כעס.— זאגט מיר, פארוואס רופט מען אייך „שאקאליק"?

—ס'איז פון „שאַקאַל"... דאס האט קיין מיך אנגע-רופען... מ'רופט מיך וועלוועלע, האט ער געמאכט „וואאואי", אין אראביש הייסט דאס שאקאל, רופט מען מיך „שאקאל".

— און קינען פארוואס? א, איך וויים — ווייל ער איז א שלעכטער.

נו, יא... דערפאר... אבער ער איז ניט קיין שלעכטער.

—זאגט מיר, שאקאליק,—איך וויל אייך אזוי רופען—איך מעג? אייערער אנדערער חבר, ימיני—ער איז ניט... אביסעל א בערימער?

מסתמא, האט זי אסך פעבראכט מיט איהם די פאר טעג. איצטער הייבט זי שוין אן ספק'ענעז, זי וויל שוין דערגעהן וועגען איהם. אפשר איז זי נאר צוליב דעם געקומען איהם. געוואהר ווערען? נאר ער וועט ניט בערעדען א חבר הינטער די אויגען, ווי ס'זאל זיך ניט וועלעז דערצעהלען איהר אלץ.

—כ'וויים... אזעלכע זאכען דערגעהט מען אליין...

זי האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט, אביסעל בעליידיגט:

— אזוי גאר רעדט איהר!

„זי האט מיך געהאלטען פאר א טפש,—האט געטראכט וועלוועלע,—פערדריסט איהר דעריבער, וואס איך האב איהר אזוי געענטפערט... ווי זי האט ניט געווארט. איצטער וועט זי באלד אוועקגעהן. איהר איז שוין לאנגווייליג. וואס נאך האט זי צו רעדען מיט מיר?"

ער האט מיט אומעטיגע אויגען געקוקט אויף זיין גאסט. וועז זי זאל נאך עפעס פרעגען!

—אבער, ווי מיינט איהר וועגען איהם?

—ער איז א נייער ביי אונז . . . איך קען איהם ווייניג.

—איהר ווילט מיר ניט ענטפערען . . . א, איהר זייד אויך ניט אזא גוטער . . . ניט בעסער פאר אנדערע ווערטער!

זי האט פערדראסיג צונויפגעפרעסט די ליפען, און געשוויגען.

—און איהר האט געמיינט, אז איך בין בעסער? פארוואס האט איהר געמיינט, אז איך בין בעסער?

זי האט זיך פונאנדערגעלאכט. זי האט ערשט ניט לאנג אנגעהייבען פיהלען זיך ווי א מיידעל, אויף וועלכער מ׳קוקט. ביז פאר א יאהרען איז זי אין אלעמענ׳ס אויגען געווען א שעהן קינד. און אצונד ווייסען שוין אלע יונגלאך און אלע מענער, אז זי איז א מיידעל, א גרויס מיידעל. א, זי זעהט דאס גוט אין זייערע אויגען! און דאס איז אזוי פרעהליך! דאס מאכט גאר אנדערש דאס גאנצע לעבען . . .

—זעהט, ווי ער נעהמט זיך איבער! . . נו, איך האב געהאט א טעות—און אנ׳עק . . . כא-כא-כא . . . הערט, שאקאליק, נו, איך וועל ביי אייך פרעגען נאך עפעס . . . איהר׳ט זאגען?

זי האט איהם קינדעריש א גלעט געטהון איבער׳ן האנד. וועלוועלע האט שעמעדיג געשמייכעלט.

— ב׳וועל זאגען . . .

— זאגט! זי האט ערנסט, מיטפיהלענדיג געקוקט אויף איהם. — ווען מ׳שיסט אויף אייך — האט איהר ניט מורא? איך וואלט דאס געוואלט אמאל פרובען. נאר איך וואלט ניט געקאנט יענעם שיסען, און בעזונדער . . . מ׳זאל מיך שיסען . . . כא-כא-כא, וואס האב איך געזאגט? . . נו, זאל זיין אזוי.

וועלוועלע האט זיך אויך צולאכט. זי וואלט געוואלט זיין אין א שיסעריי, נאר בתנאי מ׳זאל זי ניט שיסען . . . א גלייכער וואונש איז דאס.

— איך האב זיך שוין צוגעוועהנט . . . וואס . . . מ'געוועהנט זיך צו.

— אלע סידען געוועהנען זיך צו ?

—ניין . . . ניט אלע, אבער די וואס זיינען געבליבען זיינען שוין אלע צוגעוועהנט . . . — זיינע אויגען האבען א שפיל געטהון. ער האט זיך עפּעס דערמאנט. — די ערשטע צייט איז מיר טאקי גע־וועזן זעהר האמעטנע אויפ'ן הארצען. איך האב גאר נישט ניט פער־שטאנען אונטער'ן וואנד . . . פינסטער . . . שווארצע סידרעס, און מ'קאן ניט זעהן, וואס ס'טהוט זיך אין זיי, ארום זיי . . . פלוצלונג הערט זיך פון ערגיץ א שארך . . . די הינט בילען, דאכט זיך, אין אלע הויפען מיטאמאל. ווער ווייסט, וואס דארטען טהוט זיך — אפשר גנב'עט מען שוין ערגיץ ביי א צווייטער זייט וואנד ? עפּעס א מאד־נע, שטילע פייפעריי ארום מיר . . . און איך האב געהערט, אז גנבים פייפען זיך איבער אזוי שטיל . . . איך הער זיך צו לאנג אויף איין ארט, געה אין איין עק, אינ'ם צווייטען—קיין גנבים זיינען ניטא . . . איז איין מאל געה איך אזוי פארביי סידרעס, און פלוצלונג— א שארך אין די סידרעס . . . אבער אזוי בולט !.. איך גיב זיך א שפּאר אוועק צו דער וואנד . . . און דעם רעוואלווער האלט איך שוין אויסגעשטעלט . . . דאן פלעג איך כסדר טראגען דעם רעוואל־ווער אין האנד—איך האב אלץ מורא געהאט, מ'זאל אויף מיר ניט ארויפ־ווארפען זיך אומגעריכט . . . שטעה איך אוןווארט . . . שיסען וויל איך ניט — טאמער איז גארנישט ניטא ? ביי אונז איז ניט אנגענר־מען סתם שיסען . . . אבער איך שטעה, ווי אונטער א גרייטער קויל . . . יענער, וואס אונטער דער סידרע, האט שוין געווים אנגע־שטעלט אויף מיר די ביקס . . . איצטער קאן ער אויסשיסען, ווען ער וויל . . . קיין פעהלער וועט ער ניט מאכען . . . איך שטעה פאר איהם אפען . . . מיין גאנצער קערפער . . . אכט צעהן שפאן די ווייט . . . איך האב זיך צוגעבויגען צו דער ערד . . . פארט אבי־

סעל זיכערער ... פלוצלונג נאך א שארך אין דער סידרע, דערנאך, נאכאמאל ... איך האב מעהר ניט געקאנט בלייבען רוהיג ... איך האב זיך געשטעלט גלייך, אפען, אין מיין גאנצער הויך ... איך מיין, אז די אויגען זיינען ביי מיר געווארען גאר משוגע'נע, גלאנציגע ווי ביי א משוגע'נעם. אז זיי האבען געבלישטשעט אין דער פינס־טערניש ... אזוי האט זיך מיר אויסגעדוכט ... אין קאפ האט מיר אויך א זעץ געטהון עפעס ווי א מין שכרות ... איך האב זיך דערפיהלט פרעהליך, אהן א קאפעל שרעק ... אומגעריכט האב איך זיך א ווארף געטהון צו די סידרעס, און בעת מעשה געטראכט מיט פערגעניגען: אהא, זעהסט — איך האב ניט מורא! ...

— אך! — האט לייכט א ציטער געטהון דאס מיידעל.

—איך בין ארומגעלאפען אזוי משוגענערהייד ארום די סידרעס, ארום און ארום, און קיין זאך ניט בעמערקט. דעמאלט בין איך שוין לאנגזאמער א צווייטען מאל זיי ארומגעגאנגען, ס'איז ניט געווען קיינער ... דאס האט מסתמא געשארכעט א יאשטשערקע אדער א שלענגעל.

— און דאס וואס מ'האט זיך איבערגעפייפט?—האט זי גע־פרעגט נאך אלץ נייגיריג, כאטש שוין ענטוישט אביסעל.

— ניין ... דאס קאנט איהר הערען יעדע נאכט ... דאס פייפען די גענז אין די הויפען ... נו, און פארהאן נאך אנדערע ... פויגלאך אזעלכע פארהאן ...

— אבער געווען ביי אייך אויך אמת'ע צופאלען?

— אהא! דערנאך איז געווען א סך! ...

—אוי, דערצעהלט, שאקאליק, דערצעהלט זשע!

ער האט איהר דערצעהעלט נאך לאנג, דאס אינטערעסאנט־סטע, וואס ער האט זיך געקאנט דערמאנען, און ווען זי איז אוועגעגאנגען, איז ער געבליבען ליגען מיט אפענע אויגען. אין דער פינסטער האט ער אלץ געזעהן איהר פריש, דורשטיג,

ערנסט פנים׳על, איהרע קליינע, ראזעווע ליפעלאך, און האט געפיהלט די ווארימקייט פון איהר ווייך הענטעל... אודאי, ער האט ניט וואס צו האפען, וואס איז ער איהר? זי האט דאך נאר ליב די מעשיות... און דערנאך דארף זי איהם מעהר ניט... אנ׳אנדערער וועט געווים דערצעהלען נאך בעסער פאר איהם... און אפשר איז דאס ניט אזוי? אפשר וועט זי שוין טאקי שטענדיג קומען צו איהם?

און ווען ער האט געקלערט אזוי, האט ער לאנג און פריידיג געשמייכעלט אין דער פינסטערניש פון׳ם צימער.

ה.

וועלוועלע איז געזונד געווארען און צוריק פערנומען זיין פאסטען.

אינ׳ם געגענד איז געווארען כסדר אונרוהיגער. די שייער־וועכטער האבען זיך שוין א פאר מאל איבערגעשאסען מיט גנבים. איינמאל האט טאדרעסקא אנגעטראפען אויף עטליכע ארבער, וואס האבען געפאקט ווייץ אין זעק. זיי זיינען גלייך אנטלאפען, איבערלאזענדיג זייערע זעק. שפעטער איז מען נאך די זעק נאך דערגאנגען פון וועלכען דארף זיינען די גנבים. נאר קיין פראצעס האט מען ניט געמאכט. זיי זיינען אליין געקומען בעטען שלום, און צוגעזאגט מעהר ניט גנב׳ענען.

מיט וועלוולען האט זיך אויך געמאכט א צופאל. איינמאל אונטע־׳ן וואנד, ווען ער האט זיך פערקעהרעוועט אויפ׳ן ראג, האט ער בעמערקט, ווי עפעס א שווארצעס האט זיך א ווארף געטהון אן אזייט, פון דער וואנד אוועק, און געלאזט זיך אנט־לויפען. וועלוועלע האט געגעבען א שפרונג צו, און א שטעל אן די ביקס — איצטער האט ער שוין כסדר געטראגען מיט זיך די ביקס·

— שטעה! איך שים! — האט ער געגעבען א געשריי אין אראביש.

דער מענש איז געלאפען. ווערלוועלע האט געלאזען א קויל אין דער לופטען. דער מענש האט זיך געגעבען א שטעל אפ און א שאס אויף צוריק. וועלוועלען האט עפעס א בריה געטהון אין דער ליגקער באק. ער האט אויפגערעגט א פיהר געטהון די ביקס אין דער זייט פון דער טונקעלער פיגור, וואס איז געלאפען פון איהם, און געגעבען א דרוק דאס ציגגעל. דער מענש האט קורץ א געשריי געטהון, געגעבען א שפרונג אונטער, און אנגעהייבען לויפען נאך גיכער. פארטאג, ווען די וועכטער זיינען צוגעגאנגען בעקוקען דעם ארט, האבען זיי געפונען אויף דער ערד קליינע, פערטריקענטע, שווארצע פלעקען. דער מענש איז אפנים געווען ניט שווער פערוואונדעט, אויב ער האט געקאנט אליין אוועקגעהן. וועלוועלע'ס וואונד איז אויך קיין וואונד ניט געווען, גלאט א קראץ — די קויל האט איהם נאר אויפגעשניטען פון אויבען די הויט אויף דער באק.

בייטאג איז מען געוואהר געווארען דורך די אראבישע קאלאניע־פאסטוכער, ווער איז געווען דער ביינאכטיגער גאסט. גערעדט האט מיט זיי אנ'אלטער קאלאניסט, שטעקער. קין האט בייגעוואוינט דעם שמועס. אנ'אלטער פאסטוך, א נידעריגער, א גרויער, מיט לעבעדיגע, שלויע אויגעלאך האט דערצעהלט, אז זיי האבען אנומעלט געזעהן דעם בעוואוסטען רויבער כאדש סעלים, מיט אנ'איבערגעבונדענער האנד. זיי מיינען, אז ער איז פערוואונדעט געווארען די נאכט. א טאג פאר דעם האבען זיי זיך מיט איהם געטראפען ניט ווייט פונ'ם „וואדי" — זיינען ביי איהםביידע הענד געווען געזונדע... די פאסטוכער האבען פרעגענדיג געקוקט אויף די צוויי יודען, זיי האבען געזעהן, אז די „יהודי" טרויען זיי ניט און היטען זיך ניט אויסצורעדען אנ'איבער־

ריג ווארט — דאס ווארט, וועלכע זיי האט זיך אזוי געוואלט הערען. דער אלטער פאסטוך האט פאר ז׳ך א שמייכעל געטהון. ביידע צדדים האבען וואס צו בעהאלטען! זיי האבען דאך אויך פערשוויגען וועגען כאדש סעלים׳ס אויספרעגענישען — וועלכער וועכטער וועכטעוועט ביי דער מזרח׳דיגער וואנד פון דער קאלאניע? זיי האבען איהם איבערגעגעבען וועגען די וועכטער, וואס זיי האבען געוואוסט... די יודען האבען אליץ געשוויגען. דאן האט איינער א הויכער פאסטוך מיט בייזע אויגען, א שווארצער, אין א ברודיג־געלער אבייע, מיט א פערשטויבטען, דיק־אנגעדרעהטען „עַגַל׳ (א שווארצער, וואלענער בויגעל) אויפ׳ן קאפ, בעמערקט.

— כאדש סעלים איז ניט קיין פראסטער מענש! כאדש סעלים איז א שייטאן... א גזלן! ער וועט געווים נעהמען בלוט!

די פאסטוכער האבען געקוקט וואס פאר אנ׳איינדרוק וועלען די ווערטער מאכען אויף די יודען. קין האט דאס פערשטאנען. ער האט שפאטיש א לאך געטהון:

— פארוואס קומט ער ניט צו מיר אמאל צו גאסט? מיין קויל וויל זיך שוין פון לאנג בעקענען מיט איהם.

די פאסטוכער און דער וועכטער האבען זיך פיינדליך אנגעקוקט. דער אלטער פאסטוך האט כיטרע א גלאנץ געטהון מיט די אויגען, און געזאגט צווידייטיג:

— אוודאי. דו ביסט אויך א העלד... אם ירצה השם, דו וועסט זיך נאך בעגעגענען מיט כאדש סעלימען.

נאכמיטאג איז געקומען בעריל, דער אנפיהרער פון די וועכטער, דער „בער״, ווי זיי האבען איהם גערופען שפאסענדיג. ווען זיין קומען איז בעוואוסט געווארען, האט איהם דער קאלאניע־קאמיטעט באלד גערופען אויף א זיצונג. ער האט געהייסען וועל-

וועלען אויך געהן מיט איהם. די קאלאניסטען זיינען ארוים מיט א גאנצען צעטעל בעשולדיגונגען קעגען די וועכטער. דער אלטער טעלערמאן, א פרומער קאלאניסט, א גוטער בעל־הבית, און דער־צו א פראצענטניק, וואס פלעגט אנטלייען געלד די ארומיגע פלח'ן און מאכען פערשידענע ניט קיין שלעכטע געשעפטען מיט די ישיבען, האט זיך בעזונדער שטארק געהיצט:

— אט־דאס איז א גאנג פון וועכטעווען? שיסען און הרג'ענען? וואס ווילט איהר דערמיט אויספיהרען — חר״ב „מאכען די קאלאניע? כאדש סעליס, מיינט איהר, וועט פער־שווייגען? מארגען וועט ער צונעהמען א פערד, א בהמה פאר נקמה. אז־ניט, וועט ער גאר וועמען עס איז קוילענען. איהם איז אלץ איינס וועמען, אבי נעהמען בלוט ביי א „יהודי". אייך ארט דאס ניט, ווייל איהר זייד ניט פערבונדען מיט'ן פלאץ ווי מיר. איהר קאנט אנטלויפען...

— מיר אנטלויפען ניט, — האט קאלט געזאגט דער אנפיהרער פון די וועכטער.

— און מיר מוזען דא בלייבען. מיר קאנען ניט אוועק געהן. מיר טארען ניט שפילען מיט'ן לעבען! און אז איהר זייד הפקר־יונגען...

— היט זיך מיט די ווערטער! — האט צארנדיג א געשריי געטהון בעריל.

טעלערמאן האט זיך פערהאקט אין מיטען רייד, נאר באלד האט ער גערעדט ווייטער, מיט נאך מעהר אויפרעגונג:

— וואס מיר ווערטער־שמערטער... איך רעד צו דער זאך! מארגען־איבערמארגען וועט דא זיין א גע'הרג'עטער... ביי אונז צי ביי זיי... וואס — מיר ווייסען דען ניט? און איהר ווייסט דאס אזוי גוט ווי מיר... און דערנאך וועט זיך אנהייבען א געשעפט מיט „בלוט"... און פראצעסען — א חויץ

א מעשה!.. צו וואס דארפען מיר די אלע צרות? מיר זיינען דער קאמיטעט! מיר זיינען פעראנטווארטליך פאר׳ן שלום פון דער קאלאניע! מיר טארען ניט דערלאזען, אז איבער די הייק־קעס זאל די קאלאניע ליידען... חרב ווערען...

—וואס זשע ווילט איהר?—האט רוהיג געפרעגט בעריל.

—מיר ווילען עס זאל ניט זיין קיין „בלוט". מ׳זאל דורכ־קומען מיט שלום... מיט א גנב שיסט מען זיך ניט אויף טויט... איך בין שוין צוואנציג יאהר א קאלאניסט—איך וויים... דאס ווילט א׳הר נאר איינפיהרען א נייע מאדע... מיר ווילען ניט ליידען דערפון...

—אט לאזט מיך זאגען אייך אין קורצען, — האט זיך ארייגעמישט דער יונגער שטעקער, א אינטעליגענטער קאלאניסט, וואס האט געענדיגט עפעס א שולע אין פראנקרייך, א גלאטיג רעדענדיגער מענש. וואס האט געהאט א גרויסע הנאה פון זיין רעדענס־קראפט, און האט דערפאר אינסטינקטיוו געסטארעט זיך צופרידען שטעלען אלע צוהערער. ווען איהם פלעגט געלינגען א פשרה, פלעגט ער זי אננעהמען, ווי א נצחון פון זיין אראַ־טארישען טאלאנט.—מיר זיינען זיכער, אז אין אלגעמיין, איז די טאקטיק פון אונזערע וועכטער א ריכטיגע—אנדערש וואלטען מיר זיי דאך ניט איבערגעגעבען די שוץ פון דער קאלאניע—נאר אין דעם פאל האבען זיי, צום בעדויערען, געמאכט א פעהלער, און אונז וואונדערט בעזונדער, וואס דעם פעהלער האט בעגאנגען אזא געניטער און אויסגעצייכענטער אין אלע הינזיכטען וועכטער, ווי וועלוועל... לויט ווי מ׳האט אונז איבערגעגעבען, האט ער דעם גנב נאכגעשאסען, בעת יענער איז אנטלאפען. ער האט איהם נאר פערוואונדעט, אבער אזוי שיסענדיג האט ער איהם געקאנט טויטען אויך. כאָטש סעלים איז א בעוואוסטע פערזאָן, ער האט אנ׳איינפלוסרייכע פאמיליע... מ׳דארף זיך רעכענען מיט די

אומשטענדען פונ'ם געגענד... אזעלכע צופאלען קאנען האבען זעהר אונאנגענעהמע, זעהר אונגעוואונשענע רעזולטאטע פאר דער קאלאניע. און דאס ווילען דאך ניט אונזערע וועכטער, גלייך מיט אונז. פריהער האט מען דא געמאכט אייניגע פארוואורפען די וועכטער. די רעדנער האבען זיך א ביסעל צוהיצט. מיר פערשטעהען זייער פערביטערטקייט. נאר מיר מוזען זאגען אפען, אז זיי זיינען ניט גאר גערעכט. איך בין איבערצייגט, אז אין הארצען שעצען מיר אלע גלייך דעם אידעאל פון דער יודישער וואך, מיר געדענקען די אונשולדיגע מערטירער, וואס האבען געאפפערט זייערע יונגע לעבענס פאר אונזער הייליגער ארבייט. און מיר זיינען זיך אלע מקריב לטובת הישוב—יעדעריער נאך זיינע כחות נאך. דעריבער טארען ביי אונז ניט זיין קיין אינערליכע שטרייטיגקייטען, קיין פירוד הלבבות, מיר מוזען זיין אייניג און האנד אין האנד געהן אין אונזער שווערען וועג. אונזער אייניגקייט אין דער ארבייט דארף זיין א יסוד פאר א שלום און פערשטענדיגונג. דעריבער—אין נאמען פון די אינטערעסען פון אונזער קאלאניע און פון דעם גאנצען ישוב—פערלאנגען מיר פון די וועכטער, זיי זאלען זיין פארזיכטיגער אין בענוצען דאס געוועהר, מ'זאל עס בענוצען נאר אין עקסטרעמע פאלען, צוליב זעלבסטפערטיידיגונג, אדער, ווען ס'איז ניטא קיין אנדער ברירה...

—איהר זייד גערעכט. אזוי טהוען מיר טאקי. איך ווייס ניט צו וואס איז די גאנצע רייד,—האט בעמערקט בעריל.

נאך א פאר קאלאניסטען האבען גענומען טענה'ן, איבער'-חזר'ענדיג די ווערטער פונ'ם יונגען שטעקער. און אויסדריקענדיג זייער סימפאטיע צו דער יודישער וואך. דער אלגעמיינער זין פון זייערע רייד איז געווען, אז די קאלאניע דארף האבען א מעהר נאהענטען קאנטראל איבער דער טאקטיק פון די וועכטער.

—איהר זאגט, אז איהר טהוט אזוי? — איז אינמיטען

דערין צוגעטראָטען שאַריק צום אָנפיהרער פון די וועכטער.— טאַ פאַרוואָס האָט ער איהם נאָכגעשאָסען פון הינטען?

—דער רויבער האָט אין איהם געצילט. ער האָט איהם פערוואונדעט אַט־דאָ... אין באַק... — האָט געענטפערט בעריל.

—איך וויים... צוקראַצט אַ ביסעל...— האָט איראָניש איבערגעשלאָגען שאַריק.—האָט זיך וועלוועל אַזוי פער־לוירען, אַז ער האָט שוין ניט געוואוסט, וואָס ער טהוט?

דער אָנפיהרער פון די וועכטער האָט זיך נערוועז אַ ציה געטהון מיט זיין גרויסען קערפער און אַ זעץ געטהון אויף שאַריקען, מיט זיינע געוועהליך־איינגעהאַלטענע, גרויע אויגען. ער האָט געזאָגט האַרט.

—וועלוועל האָט זיך ניט פערלוירען... וועלוועל האָט אַרויסגעלאָזען נאָר צוויי קוילען—איינע אין דער לופטען און איינע אין דעם רויבער. דער רויבער האָט געשאָסען אין איהם אויף ט ר ע פ ע ן. וועלוועל האָט ג ע מ ע ג ט איהם דער־הרג׳ענען... איהר ווילט ניט ליידען פון די רעזולטאַטען? מיר וואָלטען אויך ניט געוואָלט. מיר טהוען אונזער אַרבייט ניט צוליב אייך, נאָר צוליב ד ע ר ז אַ ך, און ווען די זאַך פאָדערט— ליידען מיר. און איהר מוזט אויך ליידען צ ו ל י ב ד ע ר ז אַ ך... ניט צוליב אונז!..

פון דער זיצונג זיינען זיי אַוועק אין וועכטער־שטיבעל. מען האָט געמאַכט טיי. ווי געוועהנליך האָט מען זיך געוויצעלט און געשפּאַסט. בעריל האָט ווייניג אַנטייל גענומען אין׳ם שמועס. ער האָט נאָר געהערט, געשוויגען אָדער אומגעריכט אַריינגעוואָרפען אַ שאַרפע בעמערקונג. פּלוצלונג האָט ער געזאָגט:

—כאַדש סעלימען קאָן איך. ער וועט געוויס זוכען אונז עפּעס אָפּטהון... אויב ניט בלוט, וועט ער מאַכען אַ גנבה...

עפעס וואס וועט ער זיך פּרובען... איהר זאלט מעהר ניט געהן איינציגווייז אונטער'ן וואנד! איהר וועט געהן זאלביינאנד — דו, וועלוועלע, און ימיני. איהר וועט ארומגעהען איין וואנד, דער־נאך די אנדערע... און די פאסטען דארף מען אצונד אפּהיטען שטרענג, די „דורען" מאכען אפּטער, כסדר... און ווי נאר ס'וועט זיין א מעגליכקייט וועל איך צו שיקען אייך צו הילף נאך א וועכטער אדער צוויי.

—איך וויים גאר ניט, צוליב וואס מיר פּלאגען זיך?— האט זיך מיטאמאל אפּגערופען ימיני.—די קאלאניסטען פערשטעהען דאס סיידען? זיי פּיהלען וואס מיר טהוען פאר זיי? און פאר די נפשות זאלען מיר אונזער בלוט פערגיסען? אז יעדער „חרת" און יעדער אראבישער פאסטוך איז ביי זיי טייערער, ווי דאס לעבען פון א יודישען וועכטער. די וועכטער זיינען אין זייערע אויגען, ווי הינד. זיי האבען נאר מורא. זייערע פריינד, די אראבער, זאלען ניט ליידען פון אונז... מיר דארפען גאר אראפּנעהמען די וואך—זאלען זיי זיך אליין פערהיטען!..

— לענגערס, בין איך געגאנגען פארביי שאריקען, — האט מוסיף געווען טאדרעסקא. — הער איך, ווי ער טענה'ט מיט עמיצען ביי זיך אין שטוב: וואס ווייסט איהר ווער זיי זיינען!— די וועכטער, מיינט ער, — דאס זיינען דאך מערדער, רוצחים, וואס האבען זיך פון דער תליה אראפּגעריסען — ווי טארען מיר אין זייערע הענד איבערגעבען דעם גורל פון דער קאלאניע!

— איך וואלט איהם מיט א שטיין דעם קאפּ געשפּאלטען ווען איך זאל דאס הערען! — האט אויפגעבראכט אויסגערופען ימיני.

— שפּאלט זיך ניט! — האט איהם קאלט אפּגעשטעלט בעריל. — דו געהסט וועכטערען — צוליב וואס?

— צוליב דער וואך, — האט אונזיכער געענטפערט ימיני.

ער האט שוין דערפיהלט, אז ער איז ניט אויפ'ן דרך — זיין הייסקייט געפינט ניט קיין אפקלאנג אינ'ם הארצען פונ'ם אנפיהרער.

—טא וואס געהט דיך אן די בעציהונג פון די קאלאניסטען?

די קאלאניסטען האבען אונז פיינד, און פעראכטען אונז — זאגסטו? און מיר ווי פערהאלטען מיר זיך צו זיי? ווי האסטו נאר וואס גערעדט וועגען זיי? זיי געבען ניט אפ דיר, ימיני, דעם כבוד וואס דיר קומט, פאר דעם וואס דו ביסט זיך מוסר נפש פאר דער קאלאניע... וואס טויג דיר זייער כבוד, אז דו האסט אזא שלעכטע מיינונג פון זיי?.. און הערט, וואס איך וועל אייך זאגען! ווען מיר האבען אנגעהייבען אונזער ארבייט, זיינען מיר געווען גאר א קליין הייפעל מענשען. די קאלאניסטען האבען זיך ניט בעצויגען צו אונז מיט שנאה — זיי האבען פון אונז געלאכט: „יודישע שמירה"!.. „יודען וועלען געהן וועכטעווען!"... אצונד לאכט מען ניט מעהר! קיין פעראכטונג איז שוין אויך ניטא. דאס איז ניט ריכטיג, ימיני! ס'איז פארהאן שנאה, ניט פון אלעמען—מיר דארפען ניט מגזם זיין — נאר זי איז דא, אבער זי שרעקט אונז ניט, זי קאן אונז ניט שטערען... און וואס עס זאל ניט זיין—מיר וועלען אונזער חוב אויספילען!

עס האבען זיך אוועקגעצויגען שווערע, אנגעשטרענגטע, קאשמארפולע נעכט. אין פעלד ארום דער קאלאניע האט זיך כסדר געפיהלט עפעס א מאדנע, פערבעהאלטענע בעוועגונג. פלוצלונג פלעגט זיך דערהערען פון דער פינסטערניש, ערגיץ פון נאהענט, א הירזשע פון א פערד, א קלאפ פון א פאדקאווע אן א שטיין, א אונבעשטימטער שארך, ווי פון עמיצינס שטילע טריט, א פייף. די וועכטער האבען אנגעווענדעט אלע מיטלען פון פארזיכטיגקייט. מען איז געגאנגען שטיל, אהן א קלאנג, טריט ביי טריט, איינער נאכ'ן אנדער'ן. מען האט זיך אפט אפגעשטעלט,

ארומגעקוקט זיך, לאנג צוגעהערט זיך אויף איין ארט, כמעט ווי ניט גערעדט צווישען זיך. מען האט געדארפט מאכען אזוי, אז די רויבער זאלען ניט קאנען בעמערקען, ווען די וועכטער געהן דורך און וואו זיי געפינען זיך. פון דעסטוועגען האט מען איינמאל, אומגעריכט, געעפענט קעגען זיי א שיסעריי, פון הינטער די סידרעס. וועלוועלע האט זיך גלייך געווארפען אויף דער ערד אונטער דער וואנד.

—טהו אויך אזוי!—האט ער א שושקע געטהון צום חבר.

ימיני איז באלד געלעגען נעבען איהם. ער האט אויפגעהייבען די האנד און נאכאנאנד געשאסען: איינס, צוויי, דריי, פיער...

—שטעה!—האט איהם געכאפט פאר'ן האנד וועלוועלע.—ווארף זיך ניט מיט קיין קוילען!

אנטקעגען זיי זיינען געשפרונגען שווארצע שאטענס. אלע ווילע פלעגט אויפבליצען א פייערל. דאן האט זיך געזעהען א ווייסע קעפיע, א רויט האלב־פנים, א שווארצע וואנסע. און באלד פלעגט זיך פונאנדערט־ראגען איבער'ן פעלד א הודיענדיגער דונער־קלאפ.

—דזז...—האבען דין און שטעכעדיג געפייפט ארום זיי די קוילען...

—שים—וואו א פייערל!.. וואו א פייערל!—האט שטיל א געשריי געטהון וועלוועלע.

ער האט אויך צוויי מאל אויסגעשאסען פונ'ם ביקס. די אראבער האבען זיך געהיצט.

—אודרוב!.. אודרוב!.. שלאג!—האבען זיי אויסגערופען נאך יעדען שאס מיט א ווילדער ערנסטקייט, אזוי ווי אין אנ'עקסטאז.

פון דער זייט פון דער קאלאניע האבען זיך דערהערט צוויי שאסען, דערנאך—נאך דריי. דאס איז געקומען צולויפען,

קין פונ׳ם שייער, און ס׳זיינען ארוים די יונגע, מיט ביקסען בעוואפענטע, קאלאניסטען. די אראבער האבען גענומען אפ-טרעטען. אין דער פריה איז מען געוואהר געווארען, אז ביי זיי איז פערוואונדעט שווער א שקאפע פון זיבעצעהן לירעס. קיין מענשען האבען ניט געליטען פון קיין צד.

דערינאך איז די וואך געווארען נאך שטרענגער און אנ־געשטרענגטער. דער אנפיהרער האט צוגעשיקט נאך צוויי וועכטער—יעדע וואנד זאל בעזונדער געהיט ווערען פון צווייען. עטליכע נעכט זיינען פערלאפען שטיל. און דאן האט זיך געטראפען „יענער צופאל"...

וועלוועלע און ימיני זיינען געגאנגען אונטער'ן וואנד. זיי האבען גארנישט פערדעכטיגעס ניט בעמערקט. די נאכט איז גע-ווען א פינסטערע, א ווינטיגע. אפילו די שטערען האבען כמעט ניט געלויכטען—איבער'ן הימעל זיינען אומגעשוואומען קליינע וואלקענדלאך. די וועכטער האבען זיך אפגעשטעלט נעבען א טירעל. וועלוועלען האט שוין לאנג געשטאכען א טשוואק אין שוך. ער האט זיך אליין געקליבען ארויסקלאפען איהם אויפ'ן ראג. נאר קומענדיג צום ראג, פלעגט ער זיך יעדעס מאל פער־געסען וועגען דעם. אצונד האט איהם דער טשוואק נאכאמאל, און זעהר פיינליך, אריינגעשניטען זיך אין דעם פלייש פון פוס. ער האט זיך צוגעבויגען מיט אנ'איינגעהאלטענעם קרעכץ. מעהר קאן ער ניט געהן אזוי! ער מוז תיכף ארויסקלאפען דעם טשוואק! וועלוועלע האט זיך צוגעזעצט אויפ'ן שוועל פון א טירעל, גע־פונען א פאסיגען שטיינדעל, און א נעהם געטהון זיך צום שוך. ער האט א קלאפ געטהון עטליכע מאל, און באלד גענומען טאפען מיט די פינגער, צי עס פיהלט זיך נאך דער שפיץ? דערנאך האט ער ווייטער געקלאפט. פלוצלונג איז עפעס ווי אראפגעפאלען פון דער וואנד. א מענש איז אראפגעשפרונגען פון אויבען, און

גאר ניט וויט פון זיי — א טריט צעהן־צוועלף — ניט מעהר. זעלוועלע האט זיך געגעבען א ריס פון ארט. וואס איז דא פארגעקומען? מסתמא, א גנב, וואס איז געווען אין הויף און האט פון אינווייניג געוואלט אויסברעכען דאס טירעל אום ארויס־צופיהרען די פערד אדער מוילעזלען. דאס קלאפען מיט'ן שטיי־דעל ביים טירעל האט איהם איבערגעשראקען — ער האט געמיינט, אז די וועכטער האבען איהם בעמערקט, האט ער זיך געלאזט לויפען... דער גנב אראפשפרינגענדיג איז געפאלען, אבער גלייך איז ער שוין געווען אויף די פיס. די וועכטער האבען זיך א ווארף געטהון צו איהם מיט'ן געוועהר אין די הענד. ער האט א לויף געטהון און באלד ווידער געבליבען שטעהן. ס'איז געווען אויסערגעוועהנליך פינסטער. זיי האבען איהם געהערט, זיי האבען געפיהלט זיין נאהענטקייט, אבער נאר סמוטנע געקאנט פונאנדערקלייבען זיך וואו ער איז. זעלוועלע האט זיך א רוק געטהון פארויס און כמעט אנגעשטויסען זיך אויפ'ן ראהר פון זיין ביקס.

—וואליאק! וואַליאַק!! — האט דער גנב אויסגעשריען ווארנענדיג, מיט א מאדנער פערצווייפלונג אין זיין קול.

ער האט געגעבען א ריס די ביקס אויף צוריק און אויס־געשאסען. זעלוועלע האט נאך פריהער, גלייך ווי ער האט דער־פיהלט דאס אנגעשטעלטע קעגען איהם געוועהר — געגעבען זיך א ווארף אן א זייט און אפגעטראטען ווידער צו דער וואנד.

— איך וויים ניט וואס ער האט זיך איינגעשפארט, — האט זעלוועלע א ברום געטהון צו ימיני, — נאר ער וועט שוין, דאכט זיך, פערשפארען אוועקגעהן... שיס!

זיי האבען ארויסגעלאזען צו עטליכע קוילען. דער אראבער האט געענטפערט פון דער פינסטערניש. מיטאמאל האט זיך אראפגעריסען פון דער וואנד נאך א מענש. ער איז געפאלען

גאר נאהענט, כמעט אריבערגעשפרונגען איבער די קעפ פון די וועכטער. אין דער רגע האט וועלוועלע פערשטאנען פארוואס אנטלויפט ניט דער ערשטער: ער האט ניט געקאנט אוועקוואר־פען אין סכנה דעם חבר, וואס האט זיך נאך פערהאלטען אין הויף. דער שפרונג פון דעם צווייטען איז געווען אזוי אומגעריכט, אז די וועכטער האבען א שוידער געטהון, און פערלוירען זיך אויף א מינוט. ימיני האט אונערווארטעט אויסגעשאסען, דער מענש האט זיך געגעבען א קויקעל איבער דער ערד מיט א קלאגענדיגען אויסגעשריי. זיין חבר, וואס האט זיך פערלעגט פון דערווייטען, האט גענומען שיסען ווי אויסער זיך — א שאס נאך א שאס. די וועכטער האבען פון דאס ניי אנגעלאדען דאס געוועהר.

—א! — האט פיינליך אויסגעשריען ימיני, און איז געפאלען אויף דער ערד.

וועלוועלע האט זיך א בויג געטהון צו איהם.

— א־א!.. א־א!... — האט אהן א אויפהער געקרעכצעט ימיני, און גערדעהט זיך אויף זיין ארט.

דער אראבער, וואס האט געשאסען איז פערשוואונדען גע־ווארען, דער צווייטער האט זיך אויך אויפגעהייבען און אוועק־געלאפען. וועלוועלע האט א ציטער געטהון— וואס שווייגט ער? ער האט זיך געשטעלט אויף א קני און מיט א פיבערדיגער האסטיגקייט גענומען נאכשיסען די רויבער. ער האט זיי ניט געזעהען אין דער פינסטער — ער האט נאר שוואך געהערט דעם שארך פון זייערע טריט, און לויט דעם שארך האט ער געפיהרט מיט'ן ביקס. אבער זיי זיינען אלץ געלאפען און געלאפען. ער האט זיי ניט געקאנט טרעפען, אפשר — ווייל די האנד האט ביי איהם געציטערט... דער שארך פון זייערע טריט האט זיך באלד אויפגעהערט צו הערען. וועלוועלע איז געבליבען שטיל — ער האט אויסגעשאסען אלע קוילען.

ימיני איז פערוואונדעט געווארען אין דער רעכטער פוס, אין „גראבען פלייש”, העכער פאר דעם קני. די קויל האט איהם אויפגעריסען עפעס א וויכטיגען אדער. ער האט זיך אויסערגעוועהנ־ליך געמאטערט. עס האט איהם געקארטשעט און געדרעהט, ווי אנ׳איבערגעשניטענעם ווארים. און קארטשענדיג זיך האט ער געגראבען ארום זיך די ערד מיט די הענד. ער האט זיך געשטארקט, ניט געוואלט שרייען, נאר דער וועהטיג איז געווען צו גרויס, און ער האט משונה׳דיג געוואויעט. דאס וואויען זיינס האט זיך אלע ווילע איבערגעהאקט דורך קאנוואולסיווע ספאזמען, און באלד ווייטער אנגעהייבען און געצויגען זיך, ביז א נייער הפסקה... נאר דאס שרעקליכסטע איז געווען דאס בלוט! גלייך פונ׳ם ער־שטען מאמענט האט דאס א זעץ געטהון פון דער וואונד מיט אזא כח, אז עס האט זיך געדוכט, אז באלד וועט דאס אינגאנ־צען אויסרינען. אין דער פינסטער פון דער נאכט, ביים ליכט פון א שוועבעלע, איז דאס געווען א שווארצער פלוס, אנ׳אימה׳דינער פאנטאן, וואס האט זיך געריסען אין דער הויך, ווי א שטראם־וואסער פון א מעכטיגען, אונטערערדישען קוואל, וואס האט זיך פלוצלונג דורכגעבראכען א וועג אויבען ארויף... דאס בלוט האט געשפריצט אפשר אויף אנ׳איל די הויך. און ס׳האט זיך אלץ ניט געענדיגט, ניט אויפגעהערט, ניט אויסגעשעפט זיך...

די גאנצע קאלאניע איז זיך איילענדיג צונויפגעלאפען. ס׳זיינען געקומען דער אפטייקער מיט דער קראנקענשוועסטער. אלע האבען זיך, אונבעהאלפען און צוטומעלט, געעסק׳ט ארום דעם פערוואונדעטען. דער אפטייקער האט ניט געוואוסט, ווי איינהאלטען דעם מורא׳דיגען שווארצען שטראם. זיינע באנ־דאזשען פלעגען איינער נאכ׳ן אנדער׳ן תיכף ווערען דורכגעווייקט אין בלוט, און דאס בלוט איז אלץ גערונען און גערונען אראפ פון אונטער׳ן באנדאזש, אהן אנ׳אויפהער. דער אפטייקער מיט

דער קראנקענשוועסטער זיינען באלד אליין געווארען דורכגענעצט אין בלוט. מען האט ניט געוואוסט צו וואס נעהמען זיך. מען האט ארויפגעלעגט דעם פערוואונדעטען אויף זיין אבייע, און פארזיכטיג אריבערגעטראגען איהם אינ'ם וועכטער־שטיבעל. קיין שפיטאל איז אין דער קאלאניע גוט געווען. קיין דאקטאר אויך ניט. קין און וועלוועלע האבען אנגעזאטעלט צווי קאלאניסטישע פערד און גלייך אוועקגעפאהרען — איינער צום אנפיהרער פון די וועכטער, דער צווייטער — צום דאקטאר.

וועלוועלע איז קוים געקומען צוריק, שוין מיט'ן דאקטאר, אין דריי שעה ארום. בעריל איז אויך ערשט אנגעקומען. ימיני איז געלעגען א טויטליך־בלאסער, מיט א מאדנע איינגעפאלען פנים, און האט שטיל, כמעט אהן אנ'אויפהער, געוואויעט. די גאנצע צייט האט ער גאר ניט גערעדט. ער האט נאר עטליכע מאל א געשריי געטהון, מען זאל גיכער ברענגען דעם דאקטאר. דאס בלוט האט נאך אלץ געטריפט פון אונטער דעם באנדאזש, לאנגזאם, פאמעלעך, א טראפען נאך א טראפען. דער דאקטאר האט בעטראכט די וואונד, איבערגעבונדען ז'י, איינגעהאלטען דאס בלוט. דעם דאקטאר'ס פנים איז געווען שטרענג, ער האט גע־זאגט אונזיכער, עגטפערענדיג אויף דער שטומער פראגע פון בערלען:

— די לאגע איז אנ'ערנסטע... א האפנונג איז דא, פערשטעהט זיך...

ימיני האט די גאנצע צייט, וואס דער דאקטאר האט זיך גע'עסק'ט ארום זיין פוס, ניט אפגעריסען די אויגען פון זיין פנים. ער האט אפילו אויפגעהערט צו קרעכצען, נאר געאטעמט שווער און געקוקט.

—הייסט דאס איך וועל שטארבען? — האט ער געזאגט פלוצלונג, מיט א הויכען, קלינגענדיגען און, ווי ס'האט דאן אלע־

מען אויסגעוויזען, גלייכגילטיגען קול.

דער דאקטאר האט אויפגעהייבען אייף איהם די אויגען, און געזאגט אונענטשלאסען:

—צופיעל בלוט אויסגערונען... דריי שעה...

—הייסט דאס, זיכער, אז איך וועל שטארבען? — האט ווי פריהער אויסגערופען ימיני.

דער דאקטאר האט זיך פערכאפט.

—ניין, ניין! ס'איז ניט געפעהרליך. דאס בלוט איז אפגעשטעלט. איצט וועט זיין גוט. איהר דארפט זיך נאר ניט אויפרעגען.

—ניין! איך וועל שטארבען! איך וועל שטארבען! איך זעה... איצטער ווייס איך... איך וועל שטארבען! — האט ימיני אנגעהייבען שרייען הויך, מיט א ווילדען, הייזעריגען קול.

—שרייט ניט! איהר וועט לעבען, זאג איך אייך! נאר שרייט ניט! איהר טארט זיך ניט אויפרעגען. דאס איז שעדליך פאר אייך,—האט איהם געפרובט בערוהיגען דער דאקטאר.

נאר ימיני האט איהם מעהר ניט געהערט.

—ניין! איך וועל שטארבען! לייג ניט! דו, פערקויפטע נשמה! גערונגענער הונד! אוועק פון מיר! טרעט אפ!.. פאר וואס איך? מיר זיינען בײדע גלייך געשטאנען... די קויל האט איהם געקאנט טרעפען... ניט מיר... אז איך וויל ניט שטארבען! דאקטאר, מ'קאן גארנישט מאכען? ניין, אוועק פון מיר! איך וויל ניט זאלסט מיר לייגען!..

בעריל איז א בלייכער צוגעלאפען צו איהם:

—ימיני! וואס רעדסטו?.. בערעכען זיך... דו פערשטעהסט ניט וואס דו רעדסט!..

א קרומער שמייכעל האט קאנוואולסיוו א דרעה געטהון זיך איבער די דינע ליפען פונ'ם פערוואונדעטען. ער האט אנ-

געהייבען שרייען גאך העכער, נאך היסטערישער.

—געה אפ!.. שטעה ניט דא!.. פרעדיגער!.. אוועק מיט דיינע דרשות!.. איך פערשטעה... איך שטארב, אבער איך פערשטעה!.. בעסער פאר דיר פערשטעה איך!.. א, די אלטע וועכטער דרעהען זיך אוים? זאלען די נייע זיין די כפרה? ווייסט ניט? די קויל איז פאר וועלוועלען געווען... ער האט מיך אונטערגעשטופט!.. יא, אונטער־געשטופט, און הינטער מיר בעהאלטען זיך...

—ס׳איז א ליגען! — האט זיך א ריס געטהון צו איהם וועלוועלע.

—א יא... געה ניט צו!.. לאזט איהם ניט... סיי ווי סיי שטארב איך... אפטייקער! דו ביסט מיין מערדער! איבער־בינדען א פוס האט ער ניט געקאנט... א פוס! א וואונד אויפ׳ן פוס—דאס בלוט זאל זיך איינהאלטען... איבערגעבונדען אזוי, אז א גאנצע נאכט האט גערונען מיין בלוט... דאס גאנצע בלוט איז פון מיר ארויסגערונען... בלוט!.. בלוט!.. איך קאן ניט זיין אן בלוט!.. איצטער בין איך אנ׳אויסגעזייטער... כע־כע־כע... אנ׳אויסגעזייטער מענש... דער אפטייקער מיט דער קראנקענשוועסטער האבען מיך אויסגעזייט... פאר וואס האסטו זיך ניט אויסגעלערנט איבערבינדען?.. פאַ־ך!.. דער שטערען איז ביי דיר א גרויסער?.. די האר זיינען ביי דיר אויסגעקראכען, איז דיר צוגעקומען שכל?.. א, האסט ניט געהאט קיין צייט? ביסט געלעגען אין א שמאלץ־גרוב?—ער האט ציניש געקוקט אויף דער קראנקענשוועסטער.—ווי געפעלט אייך דאס פארעל? ווי נאר האלבע נאכט, איך זעה, מיין פעטעל־שמאלץ קייקעלט זיך שוין צו דער אפטייק... פיער פארטאג—עס קייקעלט זיך צוריק אהיים... יעדע נאכט!.. וועלוועל, כשר׳ע נשמה, אפשר איז דאס אויך א ליגען?

דער אפטייקער מיט דער קראנקענשוועסטער זיינען אויפגע־שפרונגען. ביי דער קראנקענשוועסטער האבען זיך די באקען בעדעקט מיט רויטע פלעקען. דער פעטער האלז האט געציטערט. זי האט אונערוואַרטעט־דיג א כליפע געטהון:

—וואס איז דאס?.. וואס וויל ער פון מיר?..

זי האט פערצווייפעלט א מאך געטהון מיט דער האנד, און ארויסגעלאפען פון שטוב.

דער אפטייקער האט געקריצט מיט די ציין.

—איך וועל דיר פערמאכען דאס מויל!.. ער וועט ביי מיר אנטשטומט ווערען פאר דער צייט!.. וואס איז דאס? פארוואס ערלויבט מען איהם אזעלכע רייד?.. ס'איז א שקר, א שקר—איהר הערט!

—ס'איז אנ'אמת! וועלוועל האט אויך געזעהען!—האט זיך קרענקליך א קרים געטהון ימיני. דאס איז געווען א בלייכער פיינליכער שמייכעל, א שמייכעל פון א פערצווייפעלטען — ס'איז אבער אויך געווען אין דעם א ציטער פון א לײדענשאפטליכען פערגעניגען. אזוי האט ער געשמייכעלט די גאנצע צייט.

—ס'איז א שקר! א שקר!.. איהר ווייסט?..

דער אפטייקער האט זיך אונבעהאלפען געדרעהט צווישען דעם המון, וואס האט זיך אנגעקליבען אין שטוב, דורשטיג, זוכענ־דיג א דערמונטערונג אין די אויגען פון די מענשען. נאר די קאלאניסטען האבען אויסגעמיידט צו בעגעגענען זיך מיט זיינע בליקען. דאן האט ער זיך ווידער געשטעלט קעגען דעם פער־וואונדעטען. ער האט זיך געשאקעלט ווי אין „שמנה עשרה" פאר אויפרעגונג:

—בארוויסער!.. שמוציגער יונג!.. וועסט פגר'ען... יא, וועסט פגר'ען... נאך היינטיגע נאכט!.. מארגען וועלען מיר דיך בעגראבען!..

— ארויס !— האט צארענדיג א געשריי געטהון אויפ'ן אפטייקער דער אנפיהרער פון די וועכטער.

די וועכטער האבען איהם ארויסגעפיהרט, כמעט ארויס־געשטויסען פון שטוב. ימיני האט זיך א הייב געטהון, ווי וועלענ־דיג זיך זעצען, ער איז אבער געפאלען צוריק, אהן כחות.

— אוי־אוי ! מיין קאפ... דרעהט זיך... ס'איז מיר ניט גוט... —

ער האט א פיהר געטהון מיט די אויגען איבער'ן צימער. אין זיי האט געטאנצט א אונזיניגער, נאקעטער שרעק.— איהר האט געהערט ? איצטער—געווים . . . ער האט אליין געזאגט . . . א־א . . .

דערנאך איז ער געקומען צו זיך. ער האט הוצפה'דיג א זשמורע געטהון די פערטונקעלטע אויגען.

— איך וועל פגר'ען ? . . אבער איהר וועט מיך גערענקען . . .

ס'האט איהם אנגעכאפט ברעכען. ער האט געבראכען לאנג, מיט שרעקליכע יסורים, מיט אונמענשליכע, משונה'דיגע אויסגע־שרייען — ביז בלוט האט ער געבראכען. דערנאך איז ער געלעגען מיט א גרוי־בלאסען פנים, מיט טראפענס קאלטען שוויס אויפ'ן שטערען. טאדרעסקא האט איהם אפגעווישט דעם שוויס מיט זיין קעפיע. ימיני האט אויף איהם א קוק געטהון:

— טאדרעסקא, דו ביסט גלאט א בהמה . . . אנ'איינגעשפאנ־טער אקס — און איז אנטשוויגען געווארען.

אין שטוב איז אריינגעלאפען נחמה. זי איז געבליבען שטעהן אינמיטען צימער, א פערלוירענע, מיט פערטערערטע אויגען. איהרע קליינע ליפען האבען געציטערט.

— א, ביסט דא ? ביסט אויך געקומען אנקוקען . . . ווי מ'האט מיך אויסגעזייט . . . כע־כע־כע . . . געה, קוש זיך מיט וועלוועלען... אטווארט ער דארטען . . . זעהסט, ווי ער ווארט ! . . כע־כע . . . מיינסט, איך האב ניט געזעהען . . . ווען דו ביסט געווען ביי איהם ביינאכט ? כע־כע . . . איך בין געשטאנען אונטער'ן פענסטער . . .

איך האב גאר גיט געדארפט זעהן... וועלוועלע האט זיך אליין פאר מיר בערימט... ניט אמת, וועלוועלע... כע־כע...

וועלוועלע האט געכאפט פאר'ן האנד דעם אנפיהרער:

— ס'איז ניט אמת!.. איך זאג דיר, בעריל... ס'איז נישט געווען!.. מ'טאר ניט ער זאל רעדען אזוי... ס'איז נידעריג, ימיני!.. פאסקודנער ווארים!...

ער איז צוגעגאנגען צו נחמה'ן. זי איז געווען בעלעדיגט און פערשעמט. זי איז רויט געווארען אינגאנצען ביז'ן האלז. זי האט מורא געהאט אויפהייבען די אויגען, און זי האט מורא געהאט צו לייקענען, ענטפערען איהם — ער שטארבט דאך!

— איהר טארט דא ניט זיין — האט איהר געזאגט וועלוועלע,— ער וועט נאך רעדען... ער רעדט די גאנצע צייט אזוי.

זי איז געשטאנען, זי האט ניט פערשטאנען, וואס ער זאגט איהר. ער האט זי גענומען פאר'ן האנד. נאר דאן האט זי איהם בייז געגעבען א שטופ אפ פון זיך, און איז וויינענדיג ארויסגעלאפען.

און ימיני האט ווייטער גערעדט:

— נידעריג? כע־כע... בערעלע!.. פרעדיגער!.. זאלען זיי שטארבען „צוליב דער זאך", און איך וועל זיך... „צוליב דער זאך"... לעבען... אויף קהל'שען חשבון... קהל'שע געלד קלעפען זיך... וויפיל האסטו שוין אנגע'גנב'עט? נישטקשה, דער עולם איז א גולם...

בעריל האט געקוקט אויף איהם מיט אנ'ערנסט, אונבעוועגליך פנים. די וועכטער האבען זיך א ריהר געטהון, געדיכטער א שטעל געטהון זיך ארום איהם, ווי וועלענדיג איהם פערטיידיגען קעגען די בעשולדיגונגען.

— ניין? ניט געטראפען? ביסט ריין, ווי א לעמעלע? ווייס איך נאך... איך האב נאך אסך צו דערצעהלען פריהער פאר... איידער איך וועל שטארבען... געדענקסט, פאר דריי יאהרען,

מיט דעם שווארצען, וואס מ'האט דער'הרג'עט? ס'איז אראפ גלאט, שטיל... בעגראבען — און ווי ניט געוועז...! איהר מיינט, ס'וועט זיך קיינמאל ניט אויפדעקען?.. איהר ווילט וויסען, ווער האט דאס געטהון? איך בין דערגאנגען, כאטש איך בין א נייער... ווילסט ניט איך זאל אויסזאגען דעם נאמען?.. ס'איז יהושע!.. יהושע!.. איהר קענט איהם... ווארט! איך האב נאך צו דערצעהלען...

—מ'דארף זיי זאלען אוועקגעהן, — האט בעריל געזאגט צו די וועכטער,—זאלען אלע ארויסגעהן!

—געהט ניט! געהט ניט! זיי וועלען מיך דא דערשטיקען!.. לאזט מיך ניט איבער אליין!.. לאזט מיך אליין ניט שטארבען!..

—שריי ניט. קיינער וועט דיך ניט אנריהרען. דער דאקטאר וועט זיין דא.

דער צימער איז געווען פוסט. נאר דער דאקטאר און טאדרעסקא זיינען געבליבען ביים קראנקען.

—איך וויל ניט שטארבען! דאקטאר! ראטעוועט מיך!.. אין „יזכר" וועט איהר וועגען מיר שרייבען?.. געפאלען א העלד אויף זיין פאסטען?.. איך וויל ניט איהר זאלט וועגען מיר שרייבען אין „יזכר"! א־א־א...

דער דאקטאר איז אוועק אין אפטייק, אנזאגענדיג, אז ער וועט באלד זיין צוריק. טאדרעסקא איז צוגעגאנגען צום קראנקען און שווייגענדיג געקוקט אויף איהם.

— נו, וואס שרייסטו? — האט ער פלוצלונג געזאגט מיט א נאאיווער ניכטערקייט, מיט זיין גלייכען שכל פון א פראסטען מענשען. — וואס טויג דאס דיר? ס'איז דאך פערפאלען... גענוג שוין, ימיני, ליג שוין שטיל... זיי שוין רוהיג... — און ער האט איהם ווידער אפגעווישט דאס פנים מיט דער קעפ'ע.

ימיני איז אנטשוויגען געווארען. ער האט מיט א פיינליכען שרעק געקוקט ארום זיך.

— ווייסט ? — האט ער געזאגט שטיל.. — געדענקסט, וועגען מזל — וואס איך האב געזאגט ? איך האב געליגט... זי האט ניט אזוי געזאגט, די אלטע ציגיינערין... זי האט געזאגט, אז איך וועל שטארבען א בחור... ניט דערלעבען חתונה צו האבען... זי האט דאס ניט מיר געזאגט... נאר איך האב זיך דערוואוסט... פערשטעהסט ?.. זי האט אזוי געזאגט... זי האט געזאגט פריהער... געה ניט אוועק פון מיר, טאדרעסקא ! א־א... זיין דא... נעבען מיר...

צו אווענד צו איז ער געשטארבען.

ו.

װעלוועלע האט געוועכטעוועט מיט טאדרעסקא'ן. אויפ'ן שייער איז געקומען אנ'אנדער וועכטער. עטליכע נעכט זיינען זיי ארומגע־גאנגען אינאיינעם, דערנאך האבען זיי זיך צוטיילט. טאדרעסקא איז אוועק צו דער צווייטער וואנד, וועלוועלע איז געבליבען ביי זיינער.

איצטער זיינען די נעכט געווען מאדנע רוהיגע, אזוי ווי אויסגע־שעפטע, אזוי ווי אינגאנצען אויסגעלעדיגטע פון לעבען: א נאכט איז געלאפען נאך א נאכט אהן אנ'ענדערונג, אהן א אונטערשייד. גארנישט האט זיך מעהר ניט געטראפען, די ביינאכטיגע שנאה פון די שטומע פעלדער, פון די טונקעלע בערג, איז אפגעטראטען און בעהאלטען זיך ערגיץ פון דער ווייטען, ווי אנגעשראקען פונ'ם טוידט... וועלוועלע איז געבליבען אליין מיט זיין שטיינערנעד וואנד. זי שטעהט, ווי פריהער אויף איהר ארט, און ער איז אויך אין ערגיץ ניט אוועקגעגאנגען פון איהר. זיי זיינען אין צווייען, ווי אלעמאל... אצונד ווייסט ער שוין ווי זי זעהט אויס. אין דער פריה נאכ'ן לעצטען „צופאל" איז ער געקומען בעטראכטען דעם פלאץ, און דענסטמאל האט ער דעם ערשטען מאל דערמאנט זיך א קוק געבען אויף

דער וואנד, זעהן ווי אזוי איז זי בייטאג? און ער האט דערזעהען, אז זי איז גאר ניט קיין רויטע, ווי ער האט זיך פארגעשטעלט... די שטיינער זיינען גאר ניט קיין בלוט־רויטע, פורפורנע, מיט שווארצע ראנדען ארום... דאס איז געווען א טעות! זיי זיינען שווארצע, פשוט, שווארצע ווי אויסגעשמירט מיט אש, און די ראנדען זיינען בלוליכע—בלייכע, בלוליכע פאסיקלאך. די וואנד איז אצונד גע־ווארען פראסטער און טרוקענער... נאר דאס איז אלץ איינס... סיי ווי סיי זיינען זיי א פאר... און איהם איז אויך אלץ ווי פערשטיינערט געווארען... ער איז געווארען אויסגעט־יקענט, ווי די וואנד, אויסגעזלעדיגט, ווי די נאכט... ער, די וואנד און די נאכט—יעדערער פון זיי איז דאס אייגענע, וואס די אנדערע צוויי... מיט נחמה'ן בעגעגענט ער זיך ניט מעהר. זי האט געהאט א חלק... דער אלטער טעלערמאן, מיינט, אז ס'איז אמת, וואס זיי האבען זיך געקושט... און זי מיינט, אז ס'איז אמת, אז ער האט זיך בע־רימט... איצטער האלט זי זיך כסדר מיט'ן לעהרעריל... זאל זיין אזוי!.. דאס איז איהם אויך שוין אלצאיינס... דאן, אויף מארגען, האט ער געוואלט איהר ערקלערען... זי זאל וויסען די ריכטיגקייט... האט זי ניט געוואלט מיט איהם רעדען... זאל זיין אזוי... אט איז די וואנד נעבען איהם... מיט שווארצע שטיינער און בלויע קאנטען... דאס מאכט נישט!.. מיט דער וואנד צוזאמען האט ער זעהר א סך זכרונות... גרויסע, וויכטיגע זכרונות... זיי זיינען פערגליווערט געווארען אין די שווארצע שטיי־נער פון דער וואנד... אט־דא איז דערשאסען געווארען ימיני... דאס איז דער לעצטער צופאל... א פאסקודנער ווארים!.. אט־דארטען פון יענע סידרעס זיינען זיי ארויסגעשפרונגען אויף מנשה'ן, זיי האבען איהם געשטיקט און געווארגען—געוואלט ארויסרייסען ביי איהם דאס געוועהר... נאר ער האט ניט אפגעלאזען... זיי זיינען אזוי אנטלאפען מיט גארנישט, און ער איז געבליבען ליגען

מיט א געפלעטען קאפ... אין יענעם ווינקעל האט מען אויף טוידט פערוואונדעט מנחמ'ען. ער האט נאך געלעבט עטליכע שעה און האט געערדט... אבער ניט ווי יענע בריאה... א, ער איז געוועזן א מענש, און א חבר!.. און ביי דעם טירעל האט מען איהם אליין, וועלוועלען, פאר צוויי יאהרען פערוואונדעט אין זייט. נאר די קויל האט זיך אויסגעגליטשט ביים ביין... און ס'איז אראפ גוט... און נאך פערשידענע צופאלען... ווען ער דערמאנט זיך, זעהט ער דאס אלץ אזוי קלאר פאר די אויגען... זכרונות... און חוץ זכרונות, איז איהם קיין זאך ניט געבליבען... ער ווייסט אליין ניט, פארוואס אלץ ארום האט זיך ווי דערווייטערט פון איהם.. עפעס ווי די אלע מענשען וואלטען זיך אפגעריסען פון איהם... אדער ער — פון זיי...

וועלוועלע האט גלייכגילטיג, אהן א שום אינטערעס, געמאכט די „דורען". מעכאניש האט ער ארומגעקוקט זיך, און צוגעזעה"ט זיך. מעכאניש געטאפט די טירלעך. ער האט פון קיין זאך ניט געטראכט. און איינמאל האט זיך אפילו געמאכט, אז ער איז פשוט פארביי־געגאנגען אנ'אפען טירעל. דאס איז געווען ביים ערשטען „דור". בעת ער האט דאס טירעל א שטופ געטהון האט עס זיך געגעבען א ריהר, אפגערוקט זיך א ביסעל. וועלוועלע האט עס אינסטינקטיוו געגעבען א ציה צו זיך, פערמאכט און געלאזט זיך געהן ווייטער. ערשט נאך דעם ווי ער האט געמאכט א פאר שפאן פונ'ם טירעל, האט ער זיך בערעכענט, וואס ער טהוט. ער האט זיך איילענדיג אומגעקעהרט, אריינגעלאפען אין הויף, בעקוקט אלץ. אפנים, נאכאמאל דאס אייגענע — דער בעל־הבית האט פערגעסען פערשפארען... ער האט ארויסגערופען דעם בעל־הבית, געבעטען פערלעגען דאס טירעל מיט'ן אייזען, און איז גלייכגילטיג אוועקגעגאנגען.

נאר דערנאך האט ער זיך דערשראקען. וואס איז דאס מיט איהם געווארען? און ווי קאן מען אזוי ווערטעווען? ער איז מעהר ניט

זיכער מיט זיך אליין. פריהער פלעגט איהם אויך אמאל אנכאפען אזא מדקייט און אפגעלאזענקייט... נאך א פיבער אדער נאך א לאנגער צייט פון אונרוהיגקייט, פון אנשטרענגונג... אבער קיינ־מאל איז עס ניט דערגאנגען אזוי ווייט... אפנים, אז איצטער איז ער שוין געענדיגט... מעהר טויג ער ניט!

ס'איז געקומען דער „בער". וועלוועלע האט געוואלט מיט איהם איבעררעדען. זיי זיינען ביידע אוועק אויפ'ן שייער.

ס'איז שוין געווען פארנאכט. די זון איז נאר וואס אונטער־געגאנגען. אוועקגעהענדיג האט זי אונטערגעצונדען דעם הימעל. א האלבער הימעל איז פערפלייצט געווארען פון פייערדיגע כוואליעס. רויטע פלאמען־צינגער האבען זיך אויסגעשטרעקט וויט־וויט צום האריזאנט, וואו דער הימעל לעהנט זיך אן, אויף די קעפ פון די בערג, און אראפגעלאזען זיך נידעריג—נידעריג. און די שפיצען פון די בערג האבען זיך אויך אנגעכאפט און געברענט, און געפלאכטען זיך גאלדענע קראנצען פון די שטראמיגע שטראלען פון דער זון... דער שייער האט זיך פונאנדערגעווארפען ברייט־ליך, בעל־הבית'יש. דאס יאהר איז געווען א געראטענס. איבער־געקעהרטע, ווייצענע היטלאך, גרויסע, בלאנדע, שמעקעדיגע זיינען געווען געדיכט אנגעשטעקט ארום זיי. האבען פערשטעלט די ארומיגע פעלדער. מ'האט שוין געהאלטען אין דרעשען. זייערע פים האבען זיך איינגעטונקט און איינגעזונקען אין ווייכען, ווייצע־נעם זאמד. זיי האבען ארויפגעקלעטערט אויף א הויכע קופע היי, און היימיש פונאנדערגעלעגט זיך אויבען. זיי זיינען געלעגען מיט די רוקענס איינער צום אנדערען, און געקוקט ארום זיך מיט בלאנדשענדיגע אויגען. פון דאנען האט זיך געזעהען דער גאנצער טאל, אין וועלכען ס'איז אויסגעוואקסען די קליינע איינזאמע, יודישע קאלאניע. א לאנגער, ברייטליכער, גראזיגער טאל, וואס האט זיך אויסגעצויגען, ווי אנ'ארויסגעשניטענער פאס פון א

גרויסען סטעפ. ביי זיינע זייטען, ווי א פלויט, ארום א בעל־הבית׳יש־איינגעריכטעטען הויף, האבען זיך געהייבען פינסטערע, רויטליכע און טונקעל־גרינע בערג. און אויף זייערע אויסגעהויקערטע רוקענס האבען זיך געשווארצט פון דערווייטען קופקעס פון פיערקאנטיגע קעסטלאך — אראבישע דערפלאך.

— בעריל, איך וויל אוועקגעהן פון דער וואך... איך קאן מעהר ניט וועכטעווען...

בעריל האט זיך ניט א קעהר געטהון צו איהם, ער האט נאר געפרעגט קורץ:

— פארוואס?

וועלו׳עלע האט געשוויגען. ער האט געקוקט אראפ. די קאלאניסטען האבען שוין געענדיגט די טאג־ארבייט. פון אויבען האבען זיך געזעהען זייע׳רע קעפיעס, די ווייסע טיכלאך אויף זייערע קעפ, בעשאטענע מיט׳ן נאלדענעם זעגאכץ פון ווייץ און היי. זיי האבען אויסגעשפאנט די פערד און די מוילעזלען פון די דרעש־ברעטער, און פיהרען זיי אוועק אצונד, צוזאמען מיט׳ן געשפאן, וואס הענגט אויף די רוקענס פון די בהמות, ווי א מין מאדנע קליידונג, אין קאלאניע אריין, אין די שטאלען. זיי זיינען פערשידענע — די קאלאניסטען: דארע ליטוואקעס מיט שארפע, טרוקענע פנים׳ער, גרויסע, קיילעכדיגע, גוטמוטיגע אוקראאינער, דארפישע מענשען נאך פון דער היים, בלאנדע גאליציאנער, מיט גרויסע נאאיווע אויגען, און טונקעלע פערבאהאלטענע רומענער, וואס קוקען פינסטער און פערדעכטיג. אט געהט אוועק גאברילאוו דער גר מיט זיינע צוויי דערוואקסענע זין, אלע ,מיט פלאקסען־בלאנדע קעפ, אלע געזעצטע, זיכערע, אינסטינקטיוו־אנגעפילטע מיט דער שמחה פון דעם היינטיגען געענדיגטען ארבייטס־טאג, און—פון דעם נייעם מארגען־קומענדען. דער אלטער טראגט נאך א קאצאפישע „סערמיאגע”, אבער די קינדער זיינען שוין אנגעטהון ווי אלע קאלא־

ניסטישע קינדער... אט זיינען זיי שוין צוגעקומען צו דער גאס פון דער קאלאניע. דארטען ציהט זיך אוועק א שורה ווייסע הייזלאך מיט רויטע דעכלאך, ארייגעשטעלט אין א רעמעל פון שווארצע בוימער... א נ'איינזאמע רוסישע פויערישע משפחה, וואס זוכט צו ווערען יודיש, דא, אין דער וויטער יודישער קאלאניע, אין א פרעמד לאנד... און א קליינע יודישע קאלאניע, וואס זוכט צו בלייבען יודיש אין דעם אלטען, פרעמדען, אבער איינציגען פאטערלאנד...

— איך וויים ניט פארוואס איז דאס, — האט וועלוועלע גערעדט שטיל, ווי צו זיך אליין, — איך קאן זיך ניט מעהר פער־לאזען אויף זיך... איך געה אונטער'ן וואנד אהן א אינטערעס... און איך קאן זיך ניט צווינגען אכטונג צו געבען... טאמער מאכט זיך עפעס, איז — אזוי ווי עס געהט מיך ניט אן... עהערנעכטען בין איך פארבייגעגאנגען אנ'אפען טירעל, און ניט באלד געכאפט זיך, אז מ'דארף א קוק טהון וואס דארטען איז...

— און וואס איז געוועזן?

— גארנישט... א קאלאניסט האט פערגעסען פערשפארען.

— שאקאליק! — בעריל האט זיך א קעהר געגעבען צו איהם, און אנגעשפארט דעם קאפ אויפ'ן האנד. — ביי אונז זיינען ווייניג מענשען... דו ביסט סיידען איינער אזוי אויסגעמאטערט?... דו טארסט ניט אוועקגעהן!

וועלוועלע האט געזעהן פאר זיך דאס מידע, ערנסטע פנים פונ'ם אנפיהרער, זיינע גרויע, איינגעהאלטענע, שטום־רעדענדיגע אויגען, ער האט זיך דערמאנט וועגען קינ'ען און אנדערע חברים, וואס וועלען מוזען בלייבען אונטער'ן וואנד, ער האט זיך פארגע־שטעלט די וואנד אליין, ביינאכט, און א שווארצע פיגור געהט ארויס פון הינטער'ן ראג — אבער דאס איז ניט זיין פיגור, דאס איז ניט ער. ער האט געזאגט שטיל און איינגעשפארט, ווי אין א יאוש:

—אבער איך קאן ניט, בעריל!.. איך קאן ניט!.. איך פערלאז

זיך ניט אויף זיך . . .

דער אנפיהרער האט לויפיג א קוק געטהון אויף וועלוועלען. ער האט עפעס דערפיהלט, פערשטאנען. ער האט איהם ווייך ארויפגעלעגט די האנד אויף דער פלייצע.

— וואו ווילסטו געהן?

— איך וויים ניט...

— געה ארבייטען! קאנסט בלייבען דא ביי א קאלאניסט... ניין! פון דאנען דארפסטו אוועקגעהן... געה בעסער ארבייטען אין א פערמע... און ווען דו וועסט זיך אויס־זוהען וועסטו קומען צוריק צו אונז... אויך אנדערע וועלען וועלען רוהען... זיי אויך וועלען מ ו ז ע ן — פערשטעהסט?..

וועלוועלע האט אפגעוועכטעוועט די לעצטע נאכט. פארטאג האט ער איינגעוויקעלט זיינע וועש אין דער קאלדרע, ארויפגעטהון דעם בינטעל אויפ'ן רוקען און ארויס פון דער קאלאניע. קין איז געגאנגען איהם בעגלייטען. זיי האבען איבערגעהאקט דעם שייער. ווייטער איז געלעגען אנ'ענגער פאס פון אראבישען פעלד, וואס האט זיך שווארץ איינגעשניטען אינ'ם געדיכטעניש פונ'ם יודישען באדען. דא האט געוואקסען א פראסטער סארט ווייץ, מיט ארימע זאנגען, און שטארקע, אדערדיגע שטאמען, וואס האבען זיך ווילד איבערגעפלאכטען. דער ווייץ איז געווען געזייט שיטער, אבער די קעפלאך האבען זיך אנגעכאפט איינע אן די אנדערע, די זאנגען האבען זיך ארומגענומען, צונויפגעבונדען זיך מיט לעבעדיגע קנויטען, און קיינעם ניט געוואלט דורכלאזען.

— קום דורך דאנען, — האט פארגעלעגט קין.

— דיר איז גוט... א לעדיגען... איך האב א פעקעל.

— גיב מיר דעם פעקעל!

זיי זיינען געגאנגען גיך, מיט אנשטרענגונג, מיט גוואלד ברעכענדיג זיך א וועג דורך דעם פער'עקשנ'טען ווייץ. די זון

איז שוין אויפגעגאנגען, און איהר'ע ווארימע, נאך ניט אנגע־ברענטע שט־אלען, האבען לייכט געגלעט זייער'ע פנים'ער. אבער זיי איז געווען היים. דערשוויצטע און פערמאטערטע, און פרעה־ליכע, ווי שטענדיג נאך א שווערען שטיקעל ארבייט, האבען זיי זיך ענדליך ארויסגעריסען פון די בייזע, כאפענדיגע, דינע צווייגען פונ'ם ווייצענעם וואלד.

— דער פאסיק האט געדארפט זיין אונזערער... זעהסט, ווי ס'איז אריינגעקראכען צווישען אונזערע פעלדער. — האט בעמערקט וועלוועלע.

— מ'רערט שוין לאנג פון קויפען... מ'וועט שוין ענ־דיגען אמאל.

זיי זיינען א־רוים אויפ'ן וועג. ס'האט זיך אנגעהייבען דער ארויפבארג. קין האט מודיע געווען, אז פון דאנען קעהרט ער זיך אום. די חברים האבען זיך צוגעזעצט, פערדרויכערט.

אין מיטען דערינען האט וועלוועלע געזאגט.

— איך האב שוין לאנג ניט געארבייט...

— געהסטו טאקי אוועק, שאקאליק? — האט זיך אפגע־רופען קין, אזוי ווי ער וואלט דאס ערשט פערשטאנען.

— איך געה...

קין האט אומעטיג געקוקט אויף איהם.

— איך האב שוין אויך לאנג ניט געארבייט...

וועלוועלע האט געשוויגען.

— היינט וועל איך שוין געהן אונטער דיין וואנד, — האט געזאגט קין.

זייער'ע בליקען האבען זיך בעגעגענט, אזוי ווי דאן, ווען זיי האבען גערעדט וועגען שיקען. וועלוועלע האט זיך עפעס דער־מאנט. איינער א וועכטער האט איהם אנגעוויזען אין יפו אויף א שעהן מיידעל. „איצטער איז זי שוין ניט אזוי שעהן ווי פאר־

צוויי יאהרען, — האט איהם געזאגט דער חבר, — און ווייסט — פארוואס? זי האט זיך צופיעל געשפילט מיט יונגלאך, זי איז שוין א ביסעל אויסגעשפילט". און זיי, די וועכטער, זיי שפילען זיך מיט דער וואנד. און דאס דויערט לאנג, כסדר, שטענדיג... נאכט איין נאכט... און ווען זיי שפילען זיך אזוי אַפּ, צוויי יאהר, דריי יאהר — ווערען זיי אויסגעשפילט...

— ווייסט? — האט געזאגט קין, און זיינע אויגען האבען בייז א שמייכעל געטהון, — מיר דוכט, אז איך האב געזעהען סעידען.

— וועלכען סעידען?

— דעם, וואס איך האב זיך פאר א יאהרען געשלאגען מיט איהם... דעם פאסטוך... אט־דא ניט וויט — אויפ'ן בארג... דאן איז ער אנטלאפען, און האט זיך מעהר ניט בעד וויזען אין געגענד... ער האט מיך ניט דערקאנט דאס מאל — איך האב זיך פערדעקט מיט דער קעפיע... איצטער וועל איך איהם שוין אפהיטען...

זיי זיינען אויפגעשטאנען.

— נו, איך געה, — האט געזאגט וועלוועלע.

— נו, געה... זעה נאר — צי די נאז דיינע וועט טויגען?

וועלוועלע האט זיך גענומען מיט'ן האנד פאר דער נאז.

— וואס איז — די נאז?

— ביז אהער האסטו מיט איהר געאקערט דעם שטערנ־דיגען הימעל אין די פינסטערע נאכט... א פלה'שע נאז דארף זיין א הארטע... דארף קאנען גראבען די ערד... כא־כא...

ס'האט זיך ניט געלאכט. א פנים, דער ווינד איז געוועזען ניט קיין געלונגענער, און שוויינענדיג, איז יעדערער פון זיי אוועק אין זיין זייט.

נחמה האט געמאכט א שפאציר מיט'ן יונגען לעהרער. זיי זיינען געקומען אויף דער פעלדער, וואו וועלוועלע האט געארביט. נחמה האט איהם געוואלט זעהן. דער יונגער לעהרער איז געווען א שעהנער און א גוטער, ער איז געווען פערליבט אין איהר — אין דעם האט זי מעהר ניט געצווייפעלט, און זי האט איהם אויך ליב געהאט, שטארק, אויף אייביג. איצטער האט זי שוין ניט געגלויבט, אז וועלוועלע האט זיך בערימט... זי האט פערשטאנען, אז ימיני האט בכוון אויף איהם אנגע־עדט. און זי איז געקומען אויף דער פעלדער כמעט נאר צוליב דעם — זאגען איהם, אז מעהר גלויבט זי ניט... און אביסעל, גאר אביסעל, האט זיך איהר געוואלט זעהן, ווי קוקט ער אויף איהר אצונד, נאך אזא לאנגער צייט, נאך צוויי חדשים... צי ער האט זי שוין אינגאנצען פערגעסען?.. נאר בעגריסען איהם פארביי־געהענדיג, זאגען איהם'א פאר ווערטער... איז עס דען שלעכט?

זיי זיינען געקומען אנהייב אווענד. ס'האט געשיינט די פולע לבנה, ס'איז געווען ליכטיג כמעט ווי בייטאג, נחמה האט אין ערגיץ ניט געזעהן וועלוועלען. זי האט זיך ניט געוואלט פונאנדערפרעגען — זי האט איהם געוואלט בעגעגענען צופעליג, אומגעריכט. צו לעצט האט זי געפרעגט.

— ער איז אין דרויסען, ער וועכטעוועט, — האט מען איהר געענטפערט.

—וויטער? ער איז דאך געגאנגען אהער ארבייטען!

— שוין פון צוויי וואכען, ווי ער וועכטעוועט... ער האט טאקי געארבייט — א שטילער און ארבייטזאמער בחור... גאר ניט ווי קיין וועכטער... כא־כא־כא... אבער נאך יענעם צופאל, וואס מ'האט ביי אונז פערוואונדעט דעם וועכטער... דאן איז געקומען דער „בער", זייער אנפיהרער, און האט וועלוועלען גע־הייסען... כע־כע... ס'איז דאך דיסציפלין ביי זיי... און וועלוועל

איז צוריק אוועק צו דער וואך.

נחמה מיט'ן לעהרער זיינען ארוים פונ'ם הויף פון דער פערמע. א ברייטער, בערגיגער געגענד האט זיך פונאנדערגעוויקעלט ארום זיי, די טונקעלע בלייכליכע שטראלען פון דער לבנה האבען זיך ווייך געגליטשט איבער די ריזיגע, פינסטערע רוקענס פון די בערג. עס האט געבלאזט א לינד ווינטעלע... פון הינטער'ן ראג האט זיך בעוויזען אנ'איינזאמע, שווארצע פיגור פון א מענשען — וועלוועלע איז געגאנגען אונטער'ן וואנד...

נחמה האט א ציה געטהון דעם לעהרער אויף געהן צוריק. איהר האט זיך פלוצלונג איבערגעוואלט צו רעדען מיט וועלוועלען. איהרע פרעהליכע, בלויע אויגען האבען אויף א ווײלע אויפגעהערט צו שיינען.

—קום... לאמיר איהם ניט שטערען,—האט זי שטיל געזאגט צו איהר בעגלייטער.

ער האט ניט פערשטאנען, און פרעגענדיג א קוק געטהון אויף איהר. און ניט פערשטעהענדיג, און ניט פרעגענדיג, איז ער איהר געהארכזאם נאכגעגאנגען...

פערלאג „דאם לאנד“ ירושלם.

עם זיינען ערשינען :

1) „דאם לאנד“ ערשטעס זאמעלהעפט.

פרייז 10 קאפ. 5 סענט 25 העללער.

אינהאלט : א) ‧.‧ דאם לאנד. ב) א ב נ ה. די יודישע ארבייטער לאגע אין ארץ ישראל. ג) ש ל מ ה ק א פ ל א נ ס ק י. דאס ארבייטס-ביורא און זיינע געגנער. ד) י נ א י ת. דער אלטער ישוב און דער נאציאנאל פאנד. ה) ח ש י ן. א ביסעל פאלעמיק. ו) ב ן ג ר י ו ן, גלייכהייט (וועגען תימנ׳ער). ז) א. ב ל ו מ ע נ פ ע ל ד. בעריכט פון דאס ארבייטס-ביורא אין פאלעסטינא.

2) „דאס לאנד“ צווייטעס זאמעלהעפט.

פרייז 10 קאפ. 5 סענט 25 העלער.

אינהאלט : א) ש. ק א פ ל א נ ס ק י. דער נאציאנאל פאנד. ב) ב ן-ג ר י ו ן. אונזער פאליטישע ארבייט. ג) י נ א י ת. די עמיגראציע פון א״י און איהרע עקאנאמישע סבות. ד) ד״ר נ. ס י ר ק י ן. מאסען קאלאניזאציע און קאאפעראציע. ה) א. צ י ו נ י. הויבע צענטרען, ו) דער נייער ישוב : ברכור, רחמה, כפר אוריה, נחלת יהודה. אינפארמאציע.

3) „דאס לאנד“ דריטעס זאמעלהעפט.

פרייז 10 קאפ. 5 סענט 25 העללער.

אינהאלט : א) א. צ י ו נ י. דאס ווארטען אויף פריוואטע קאפיטאלען. ב) א ב נ ר. צו דער פראגע וועגען קאאפעראטיווער קאלאניזאציע. ג) י נ א י ת, אונזער קולטור פראגע אין ארץ-ישראל. ד) א ל כ ס נ ד ר. אויף מאיר חאזאנאוויטש׳ס קבר. ה) א ב י נ ו ע ר. אין כנרת.

4) א. ראובני, אונטער׳ן וואנד. ערצעהלונג פון לעבען פון אידישע וועכטער אין ארץ-ישראל,

פרייז 30 קאפ. 15 סענט 80 העללער.

אלע פיער אויסגאבען צוזאמען

60 קאפ. 30 סענט 1 קראן 55 העללער. פארטא פריי.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען.

אדרעס פון פערלאג :

Verlag J. Weintrob Jerusalem.